

# די פּען

34

זשורנאַל פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור און קולטור ◆ ווינטער 1998

די פּען 34

ווינטער תשנ"ח \ 1998



רעדאַקטאָר:
געני אַדי עסטרײַך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
דפנה קליפאָרד
מיכאל קרוטיקאָוו

קאָרעספּאָנדענץ:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England



אָפּצאָל:
איירפּע — 20£ אַ יאָר,
אַנדערע לענדער — 35$.



טעלעפאָן:
(+) 44 1865 798989

פאַקס:
(+) 44 1865 798987

עלעקטראָניש:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk



געגרינדעט פון דער
משפחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פון
ייִדישן שרײַבער
און דערציִער
מענדל טאַבאַטשניק
(1975 — 1894)



לייב באָראָוויק (ניו־יאָרק), רבקה באַסמאַן־בן־חיים (הרצליה), זיאַמע טעלעסין (פון עזבון), רחל בוימוואָל (ירושלים):
לידער 2

אלכסנדר ליזען (לעמבערג):
וווּלקאַן — דער אָפּגאָט פון פײַער (פאַנטאַזיע) 10

מישע לעוו (רחובות):
אַ וואָרט וועגן משה טייף און זײַן ליד „קיכעלעך און זעמעלעך" 12

חיים ביידער (ניו־יאָרק):
אַ באַגעגעניש אין ברוקלינער סעדל 17

שלום בערגער (ניו־יאָרק), שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש (ניו־יאָרק):
לידער 23

לאה שלאָסמאַן (סאַראַסאָטאַ, פלאָרידאַ):
אַ קליינע גרופּע, גרוים פאַרגעניגן 25

מירע וואָלפסאָן (נאָטינגעם):
דער בונד: אַן אָנגעהעריקײַט און אַ שורש 29

אהרון עקשטאַדט (דאָרטמונד):
ייִדישע מוזיק אין דײַטשלאַנד — אַ מאָדנע זאַך? (אַ מעשה וועגן כלי־זמרים אין אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרלאָרן זײַן פאָלקלאָר) 38

בריגיטע דאַלינגער, טאָמאַס סאָקסבערגער (ווין):
גאַליציאַנער גליקן: צו דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער־לעבן אין ווין 44

משה אָלגין:
ווי מען דאַרף ניט שרײַבן ייִדיש: נאָטיצן פון אַ לעזער 57

איציק קיפּניסעס „מעשהלעך" 63

תיקון־טעות 64


הילע: אַלען וואָרד, „ליכט".

# עס וועט זײַן הימל

אָט האָבן מיר נאָך אַ נומער פון „די פּען”. אַ נומער וואָס זאָגט אַ סך דעם אויפמערקזאַמען לייענער, ווײַל — צוזאַמען מיט די פריִערדיקע זשורנאַל־העפטן — ווײַזט ער אייניקע טענדענצן אין דער איצטיקער ייִדישער וואָרט־שאַפונג.

מיר זעען, למשל, אַז די קינסטלערישע ווערק, וואָס די ייִנגערע מחברים שאַפן הײַנטצוטאָג, זײַנען געוויינלעך פּאָעמעס און ניט קיין דערציילונגען. איך וויל זיך דאָ גאָר אינקורצן אָפּשטעלן אויף אָט דעם פענאָמען; ס׳איז אַן ערנסטע פראַגע וואָס פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. עס זעט אויס אַז פאַר ייִנגערע דיכטער שפּילט ייִדיש אַ ראָלע פון אַן אוניקאַלן אינסטרומענט, וועלכער — ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל — ווערט נאָך מער צוציִענדיק אַלס שפּראַך אָן „שטערנדיקע” אַסאָציאַציעס מיט דעם דיכטערס טאָגטעגלעכקײַט, אַ מין „ריין־פּאָעטיש” לשון. אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן אַזעלכע פּאָעטיש־לינגוויסטישע „איבערקלײַבענישן” קען מען געפינען אין וויסנשאַפלעכער ליטעראַטור, אָבער ס׳וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן עפּעס אויך פון די ייִדישע דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער. לאָמיר האָפן צו זען אַזעלכע מאַטעריאַלן אין אונדזערע קומענדיקע נומערן.

די „ייִנגערע” ייִדישע דיכטונג, וואָס פאַרמאָגט צענדליקער שעפער, האָט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן: פון סתם „איבונגען אין ייִדישער שפּראַך” ביז פּאָעזיע געשריבן אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ. ייִדיש איז פאַר די פּאָעטן ניט די שפּראַך וואָס זיי קענען בעסער פון אַלע אַנדערע שפּראַכן. זיי זײַנען מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, מיט פאַרשיידענע ליטעראַ־רישע דיעטעס און קולטורעלע דערפאַרונגען. די פונדאַמענטאַלע פראַגע איז צי זייער שאַפונג איז טאַקע אָ ר י ג י נ ע ל  י ִ ד י ש. אויב יאָ — דעמאָלט קענען מיר רעדן וועגן אַ ליטעראַרישן פּראָצעס אין ייִדיש. ס׳קען זיך אָבער מאַכן אַז די דאָזיקע ייִדישע שירים זײַנען פּשוט ייִדישע „קאַלקעס” פון אַ פּאָעטישער טעטיקײַט אין ענגליש, דײַטש, רוסיש, וכדומה.

מיר ווייסן אַז דער פּאָעטישער „דיסבאַלאַנס” דענערווירט אייניקע לייענער. ניט יעדער איינער האָט ליב דיכטונג בכלל און די יונגע ייִדישע בפרט. וויל איך גלײַך זאָגן אַז „די פּען” ווערט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ ריין פּאָעטישן זשורנאַל. מיר האָבן נאָך, גאָט צו דאַנקען, מחברים וואָס זײַנען בכוח אָנצושרײַבן אַן אינטערעסאַנטן זשורנאַליסטישן (אָדער אַקאַדעמיש־זשורנאַליסטישן) טעקסט. מאַטעריאַלן פון אַזאַ נוסח דאָמינירן, למשל, אין איצטיקן נומער. מיר וועלן זיך אויך ניט שעמען איבערזעצן אַ מאַטעריאַל וואָס איז אָנגעשריבן „מיט אַ ייִדישן האַרץ”.

הקיצור — דער הימל איז נאָך גאָר ניט בײַ דער ערד.

ג. עסטרײַך

# לידער

לייב באַראָוויק

## משה, מײַן ברודער

אָ, משה, מײַן ברודער,
פֿעלסט אוים מיר אָן שיעור.
ס׳פֿאַרגייט ניט קיין טאָג
כ׳זאָל ניט טראַכטן פֿון דיר.
תהומיק טיף איז מײַן צער
זינט ניטאָ ביסט דאָ־הי.
אַז אַוועק ביסט אַהין
פֿון וואַן ס׳פֿירט ניט קיין וועג,
ז׳אַלץ אַרום אַזוי גראָ
אַז ס׳נעמט אָן אַזש אַ שרעק.
שווער צו גלייבן אַז כ׳וועל
דיך שוין קיינמאָל ניט זען.
אויף דײַן אָפּשייד עס קלאָגט
אין מיר יעטווידער צעל.
ביסט מײַן נאָענטסטע פֿרײַנט
דאָך געווען. אין אַ נויט־שעה
צו דיר כ׳פֿלעג זיך ווענדן.
געטיילט האָסט דײַן ביסן
מיט מיר דאָרט אין לאַגער.
פֿאַר וואָר, איך האָב דיר
צו פֿאַרדאַנקען מײַן לעבן.
ס׳איז קלאָר, ווען ניט דו
וואָלטן ווינטן מײַן אַש־שטויב
צעזייט איבער ימען.
אַז ווײַטער פֿון ווײַט
איז דײַן אָרט, ציט די צײַט
ווי פֿון פֿעך זיך. ס׳איז שלווה

פאַרוועדט מיר. קיין טרער
ז׳אין מײַן אויג שוין ניטאָ.
כ׳הער יעטווידער נאַכט
אין מײַן חלום דײַן קול:
„ביסט אַזוי אויסגעדאַרט,
אויסגעמאָגערט. עס הענגען
אויף דיר דײַנע בגדים.
נעם, לייב, אין די הענט זיך.
געדענק זשע, ס׳געזונט
מוזסטו שאַנעווען, היטן.״
וווּ כ׳טו זיך אַ ריר,
כ׳זע דײַן דמות ווי נ׳אַ שפּיגל.
מיט ליבשאַפֿט אָן גבול
איך טו הייליקן דיר
איצט דאָס ליד, די עלעגיע.
טאָ רו זשע אין שלום,
אין פֿריד, אָ, מײַן ברודער
געטרײַער, מײַן רעטער.
זאָל, משה, דײַן זכר
געבענטשט זײַן עד־נצח.

## פֿאַרוויגט אין טרוים

ס׳איז ניט געבליבן שוין
קיין שפּור, קיין צייכן פֿון
דעם ווינטער. ס׳קוויקן זיך
מיט טוי די קנאָספּן און
די בלומען, זון שפּרייט גאָלד
אויף פֿליין און באַרג און טאָל.
עס שוועבן וואָלקנדלעך
אין בלויען הימלרוים
ווי שעפּעלעך. פֿאַרוויגט
ז׳די סאַזשלקע אין טרוים.
עס גלעט אַ לינדער ווינט

די גראָזן צאַרט אַזוי.
„ס׳איז פרילינג שוין דאָ־הי״,
רופט זים אַ פויגלשטים.
ס׳איז יעדער, יעדער בוים
מיט בלעטעלעך באַקרוינט.
עס פליִען פלאַטערלעך
און פליגעלעך פריַי־פריַי
אין לופט. ס׳טוט זילבערבלוי
דער טײַך זיך מיניען. אַלץ
אַרום זינגט פּאָרכטיק, פרום
אַ ליד, אַ הימען צו
דער אייביקײַט.

רבקה באַסמאַן־בן־חיים

# אַן ענטפער

אין אַ שטילן פרימאָרגן,
אַ טראָט פון סכנה
האָט געקלונגען דער טעלעפאָן,
דרײַ מאָל געקלונגען.
אַ קול, מאָנאָטאָן
ווי פון ערגעץ אַן עכאָ
געפרעגט צי איז אמת;
דער אַדרעס,
דער נאָמען,
און אויך, צי לעבט דאָ אַ מאָלער —
דערנאָך
האָב איך רויִק פאַרריכט זיך אַליין:
געביטן דער אַדרעס,
אַ שווײַגיקער נאָמען,
דער מאָלער איז טויט.
אין בוך איז פאַרשריבן
אַ ליגן,
וואָס ליגט צווישן אמת און טויט.
פאַרוואָס האָב איך רויִק באַשטעטיקט
און גאָרניט פאַרמעקט? —
פון ליבשאַפט,
פון שרעק?

*

אַז קיינער זעט ניט
נעמט די נאַכט און טוט אַ שמייכל.
וואָס שמייכלסטו, פרעג איך? —
ווערט ליכטיק אין שטוב,
אַ רויז פון דינסטן קאָליר

בליקט אַרײַן דורכן שויב,
און אַלע קומען צונויף זיך
אין דער ליכטיקער שעה:
אַ בין איז אַ יעדן מכבד
מיט אַ בעכערל האָניק,
ווי ליכטיק אין שטוב,
ווי גוט.
אויף אַ דינינקן צווײַג
פֿאַרגרייט די זון איר געלעגער
און לייגט זיך אַנידער
צו רו.

און אַז קיינער זעט ניט
טוט אַ שמייכל די נאַכט,
כ׳קאָן שווערן —
ווי דו.

## ערשטער רעגן

די צווײַגן די פֿאַרוועלקטע
זײַנען ווידער גרין.
דער ערשטער רעגן
האָט זיי אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף.
אין זיי איז תמיד אָנהייב
אין מיר —
דער סוף.

## זיאַמע טעלעסין

# אונדזערע זיידעס

פֿאַרגייט, פֿאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס!
איזי כאַריק

צו שפּעט איך טענה אויס צו דיר מײַן טענה.
נאָר דעמאָלט בין איך נאָך געווען צו גרין. —
וואָס האָבן דיר געטאָן די זיידעס דײַנע,
וואָס האָרב אַזוי געווען איז דײַן פּסק־דין?

איך האָב אַליין געקאָנט שוין זײַן אַ זיידע.
אַזאַ מין שווערן לעבן אָפּגעלעבט!
ניט איין מאָל מיך געפֿירט צו דער עקדה,
ניט איין מאָל צו דער תּליה מיך געשלעפּט . . .

אָ, ווען עס זאָל מײַן זיידע זײַן דערנעבן!
ער פֿעלט מיר, ווו איך טו זיך ניט קיין קער.
ווער האָט אין אונדז אַרײַנגעהויכט דאָס לעבן,
אויב ניט די זיידעס און די אורזיידעס, איז ווער?

איך האָב דאָך פּונקט ווי זיי דעם זעלבן גורל.
וואָלסט אויכעט מיר געזאָגט „פֿאַרגיי, פֿאַרגיי!״?
מיר האָבן דיך אַ יונגן אָנגעווווירן
ס׳קאָן זײַן דערפֿאַר וואָס ניט געפֿאָלגט האָסט זיי.

ניט דיך אַליין מיר האָבן יונג פֿאַרלאָרן,
ניט דיך אַליין פֿאַרשניטן האָט דער קאַט . . .
נאָר ווען דו וואָלסט דערגיין צו אָט די יאָרן,
חרטה וואָלסט אויף דײַנע רייד געהאַט.

# וואַרטנדיק בײַם פּאַראָם

אויף יענער זײַט טײַך
צו דער לאָנקע מיט בלומען
קאָנסט צוקומען מיט אַ פּאַראָם.
נאָר צו דער ליד
צו וועלכער ווילסט קומען
ליגט אַ תהום . . .

און מיט דעם פּאַראָמשטשיק
פֿאַרשפּאָרסט זיך צו דינגען,
אַ שמיץ דער איבערשוויס קאָסט.
נאָר יענער תהום —
פֿאַר אַריבערצושפּרינגען
באַצאָלסטו מיט אַלץ וואָס דו האָסט.

## רחל בוימוואָל

### מיר האָט זיך פֿאַרגעדענקט

גלײַך אין שטוב אַרײַנגעלאָפֿן, —
פֿונעם רעגן וואָס צו ביסלעך
האָט אין האָגל זיך פֿאַרוואַנדלט.

און אין ביידע הענט געטראָגן
אָט די ברױַענדיקע ניסלעך.
— זעט נאָר, זעט נאָר, קוקט נאָר אָנעט,
וואָס איך האָב דאָ אײַנגעהאַנדלט —
גלײַך פֿון הימל אַ מתנה!
ס׳אַראַ האָגל, ס׳אַראַ רעגן!
איר וואָלט אָנקוקן נאָר מעגן —
ס׳קאָכט דער דרויסן ווי אַ קעסל, —
ס׳שפּרינגען הויך די רעגן־בולבעס . . .

קיינמאָל וועל איך ניט פֿאַרגעסן
יענע קינדערשע התפּעלות,
פֿון דעם גאָט־געבענטשטן שרײַבער,
יענע שמחה משה קולבאַקס.

### דער גראַם

כ׳האָב געמיינט, כ׳האָב געפֿונען אַ פּאַסיקן גראַם
צו מײַן אויסגעפּיעשטשעטער ליד.
איז דער גראַם ניט ליב איר געווען מן־הסתם,
זי האָט מיר געזאָגט אויף שטום־לשון: „ניט!"

האָב איך פּאַר מײַן ליד דערקאַזשעט אַ וואָרט,
וואָס אין סאַמער טיף פֿון שפּראַך האָט גערוט.
האָט זי מיטן וואָרט זיך פֿאַרגראַמט אויפֿן אָרט
און מיר געזאָגט אויף שטום־לשון: „גוט!"

# װוּלקאַן — דער אָפּגאָט פֿון פֿײַער

## (פֿאַנטאַזיע)

אלכסנדר ליזען

די שטאָט האָט באַשיטן איר קאָפּ מיט אַש. ס'הייסט, ניט זי אַליין, נײַערט דער װוּלקאַן. עפּעס האָט אינעװייניק אין דער ערד זיך אַ מאָרדעװע געטאָן מיט אַן אויסערגעװײנלעכער גװאַלדיקער קראַפֿט, אַן אָנגעהויפּטער נאָך פֿון ששת ימי בראשית. דער צאָרן און דאָס פֿײַער האָבן זיך אָנגעזאַמלט פֿאַמעלעך, יאָרהונדערטערװײַז, אָבער נאָכאַנאַנדיק און האַרטנעקיק. איז אָט, איינמאָל, װען קיינער האָט קיין שום אומגליק ניט געװאַרט פֿון די טיפֿע, אָבער רויִקע, אומגעשטערטע דעמערונגען, און אין זייער געהיל האָבן לאַלי און ראַלי זיך אַרומגענומען און געקושט זיך, און עס האָט אויסגעזען, אַז קיין שום גבורה איז ניט בכוח פֿאַנאַנדערשיידן זייערע קערפּערם — דאָס פֿײַער און די געבליטן האָבן זיי אויך צונויפֿגעשמעלצט, — האָט דעמאָלט אַן אַנדער פֿײַער — אַ מאַגמע־פֿײַער, אַן אונטערערדישער — זיך אַרויסגעבראָכן באַנומענערהייט אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד, פֿאַרשרפֿהנדיק מיט אַ װילדער גרויזאַמער בייזקײַט אַלץ װאָס האָט געטראָפֿן אויף זײַן װעג. און אויף דעם גרינעם גראָז אויף דעם פֿריילעכן היגל, װוּ נאָרװאָס האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, און געקװעלט און געפֿרייט זיך לאַלי און ראַלי, האָט זיך געװאַלגערט ראַלים פֿאַרקוילט לײַב — אַ שװאַרצע מצבה אין דער גלוטיק צעיִשעטער לאַװע, כמו אַ בראַנדאָפּער, נײַערט אויך כמו אַן אַפּאָפּעאָז פֿון אומשטערבלעכער ליבע, פֿון איר ניט דערזונגענער ליד. און לאַלי? װוּ איז לאַלי?

דאס האָט אָבער שוין געטראָפֿן שפּעטער, װען פֿון דער פֿײַער־

שפּײַענדיקן שלונד פונעם װוּלקאַן האָט פּלוצעם אַ שפּריץ געטאָן אַ זידנדיקער געמיש פון פּאַרע און גאַזן, און נאָך דעם געמיש, אין אַ גיהנומדיקער באַגלײטונג פון מסוכן הילכנדיקע אױסברוכן, האָט זיך אַרױסגעריסן פון אונטער דער ערד און צעשװוימט זיך װי אַ פײַער־טײַך אַן אַלץ פאַרצערנדיקע לאַװע.

ביז דעם איז אַלץ געװען רויִק, געלאַסן, מחיהדיק גרין אויף דער ערד און העכער פון איר, און לאַלי און ראַלי זײַנען געזעסן אויף דער העל־גרינער לאָנקע, אויף דעם פּלאַמפּײַער זײַנען זײ געזעסן, װאָס האָט שוין געבושעװעט אונטער דער מחיהדיקער גרינקײַט, און ניט פילנדיק קײן שום סכנה — דער דאָזיקער װוּלקאַן האָט שטילשװײַגנדיק געדרימלט אין משך פון פינף הונדערט יאָר, און זײ, לאַלי און ראַלי, זײַנען אַלט געװען בײַ די צװאַנציק יאָר יעדערער. איז פון װאַנען האָט געקאָנט אַנטשטײן אַ פאָרגעפיל פון סכנה? זײ האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין ליבע ביז זיסער מידקײַט, און װען דאָס אַש האָט אָנגעהױבן זיך אַראָפּלאָזן װײך אויף זײערע קעפּ, האָבן זײ נאָך אַלץ זיך אַמוזירט און געפרײט זיך.

— ראַלי, ביסט גראָו געװאָרן! — האָט אויסגערופן לאַלי.

— אָבער דו ביסט אויך גראָו געװאָרן, — צעלאַכט זיך ראַלי.

— זאָל זײַן אַ גראָװע, אַבי אַ ליבע.

לאַלי האָט אַ טרײסל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס אַש האָט זיך אַראָפּ־געשיט פון אירע לאַנגע צעשויבערטע האָר. זי האָט געפרעגט:

— מיר זײַנען נאָך לעבעדיק, ראַלי?

האָט ער געענטפערט מיט דעם זעלבן נוסח:

— לעבעדיק. אַװדאי לעבעדיק. דאָס איז דערװײַל בלויז אַש.

— שוין צײַט אפשר זיך געזעגענען?

— מיט דיר?

# מישע לעוו

צוערשט אַ וואָרגעשיכטע, וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות צו משה טייפס דיכטונג. געווען איז עס שוין אין גאָרבאַטשאָווס צײַטן. פינקטלעכער — אין סאַמע אָנהייב פון דער „פערעסטראָיקע". גורם זײַענדיק דעם ווידערשטאַנד פון יענע מאַכטהאָבער, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז אַלץ זאָל בלײַבן לויטן אַלטן שטייגער, איז אין סאָוועטן=פאַרבאַנד דאָך געשאַפן געוואָרן אַ פאַרייניקונג פון ייִדן — געוועזענע אַסירים פון געטאָס און נאַציסטישע קאָנצענטראַציע=לאַגערן.

מאָסקווע. אין צענטראַלן הויז פון קונסט=טוער קומט פאָר אַ צוזאַמענטרעף פון על פי=נס ניצול געוואָרענע קאַצעטלער. די מערהײַט פון זיי זײַנען אין די מלחמה=יאָרן געווען נאָך קינדער, אָדער יונגעלײַט (די, וועלכע זײַנען דאַן געווען אין די עלטערע יאָרן, זײַנען שוין כמעט אַלע אויף אייביק פאַרשוווּנדן). ווי אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איז מען איבערגעגאַנגען אויף טאַטע=מאַמע=לשון. פאַר העכער פערציק יאָר געפינט מען זיך צום ערשטן מאָל אין אַזאַ אוידיטאָריע. אין גאַס, און אַפילו בײַ זיך אין שטוב, רעדט מען רוסיש. סײַדן מע וויל ניט די אייניקלעך זאָלן פאַרשטיין. נאָר דאָ, אין חברותא, וואָס איז פאַרבונדן מיט איין געטאָ=גורל, וויל זיך דאָס מויל אַנדערש ניט קערן. אין דעם פאַל איז עס סײַ, ווי מען באַווייגט, און סײַ מע קוויקט זיך מיט דער מאַמעס רייד, וואָס נעסטיקן זיך אין דיר פון געבוירן אָן.

פנים=אל=פנים טרעפן זיך אַ פרוי און אַ מאַנסביל, וואָס זײַנען געווען אין איין געטאָ. ביידע האָבן זיך געראַטעוועט דורכן אַנטלויפן. איר האָט געראַטעוועט אַן אוקראַאינישע פאַמיליע; אים, און נאָך דרײַ, האָבן פאַרהאַלטן אוקראַאינישע פאָליציסטן. יענע דרײַ האָט מען דערשאָסן. אים האָט זיך ווידער אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. אַ גליקזאַך! בײַ די פאַרטיזאַנער איז ער געווען אַ שוסטער.

די אָפיציעלע טייל האָט זיך פאַרענדיקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די קינסטלערישע: מוזיק, לידער — רוסישע, ייִדישע. און שוין צום סאַמע סוף האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, ווי באַשאַפן פאַר דער בינע. דאָס איז געווען דער באַרימטער טעאַטראַלער רעזשיסער, קאָמפּאָזיטאָר, פאָרלעזער, זינגער מאַרק ראָזאָווסקי. אים האָבן באַגלייט אַ פידלערין

און אַ פּיאַניסטקע. ער האָט געמאָלדן: „באַלד וועלן מיר אויספֿירן אַ ליד, וועלכן מ׳האָט אונדז פֿאַרבאָטן באַווײַזן אין דער פּיעסע.״ די רייד איז געגאַנגען וועגן משה טייפֿס ליד „קיכעלעך און זעמעלעך״:

שיין איז מאָסקווע אָוונט צײַט,
ווען עס פֿאַלט אַ שנייעלע,
גיי איך אויף דער גאָרקי־גאַס
מיט דער יוגנט פֿרייען זיך.

אין אַ קלייט האָב איך דערזען
קיכעלעך און זעמעלעך –
בין איך אויף דער גאַס אַרויס
מיט אַ ליד – אַ זמרל.


משה טייף (1904-1966)

ווען אַזאַ גרויסער בינע־מײַסטער פֿירט אוים אַפֿילו אַזאַ פּרעכטיק ליד, קאָן אויפֿקומען אַ געדאַנק: וועמענס ניגון פֿילט זיך דאָ מער — דעם דיכטערס, אָדער דעם פֿאַרלעזערס און דעם זינגערס? ווער ס׳איז באַקאַנט מיט מ. טייפֿס פּאָעזיע, דער ווייסט אויף זיכער, אַז „קיכעלעך און זעמעלעך״ איז בלויז איינע פֿון זײַנע שעדעווערן. אין זײַן ליריק געפֿינט מען די סאַמע טיפֿסטע נשמה־איבערלעבונגען און פּערזענלעכע לײַדנשאַפֿט. אָט פֿאַרוואָס טייפֿס שורות, מיט זייער קינסטלערישער אויסדריקלעכקײַט, ווירקן אַזוי שטאַרק.

אמת, אויך מ. ראָזאָווסקיס בײַטראָג איז גרויס. אַנדערש וואָלט זיך אים ניט אײַנגעגעבן פֿון סאַמע אָנהייב אַזוי פֿאַרכאַפּן דעם צושויער, אַז ניט צוהערן זיך צו אים איז געווען ממש אוממעגלעך. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס די צוויי שעפֿער זײַנען אַזוי איינהײַטלעך (אַפֿילו אויסערלעך זײַנען זיי, דורך זיך, ענלעך איינער אויפֿן אַנדערן), דערהער איך איינצײַטיק אויך משה טייפֿס ציטערנדיקע שטים. ווען ער פֿלעג לייענען אָט דאָס ליד, איז ער געווען פֿאַרטראָגן ווי אין היץ. זײַן פּנים — פֿאַרקוועטשט צום וויינען. אויפֿן הויכן שטערן — טראָפּנדלעך שווייס. די אויגן — האַלב צוגעמאַכט. די פֿויסטן — צונויפֿגעדריקט. וועגן און מעסטן פֿלעג ער ניט נאָר יעדעס וואָרט, קלאַנג, נאָר אויך דעם אָטעם. בעתן אַרויסברענגען „קיכעלעך מיט זעמעלעך״ האָט ער ווי אין זיך אַרײַנגעצויגן דעם מחיהדיקן גערוך פֿון פֿריש געבעקס.

אַזוי איז געווען בעת זײַנע אַרויסטרעטונגען פֿאַר די ייִדישע לייענער אין מאָסקווע, קיִעוו, קעשענעוו, בעלץ און אַפֿילו ווען ער האָט עס געטאָן בלויז אונטער פֿיר אויגן. זיץ איך אין אַ זאַל, וווּ מ. טייף איז, מעגלעך, קיינמאָל ניט געווען, און הער ווי דער דיכטער פּרוּווט דערשטיקן אין זיך אַ זיפֿץ און, אָנהייבנדיק פֿון דעם רעפֿריין, לייענט ער אַליין זײַן ליד:

שטייט!
שטייט!
שטייט!
ניט אײַלט אַזוי, ניט לויפֿט,
גייט אַרײַן אַהער אין קלייט,
קויפֿט פֿאַר אַלע קינדער, קויפֿט
קיכעלעך מיט זעמעלעך,
קיכעלעך מיט זעמעלעך.

שטעלט מיך אָפּ אַ ייִנגעלע,
פֿרעגט מיך עפּעס שעמעוודיק:
טשטאָ טאַקאָיע קיכעלעך?
טשטאָ טאַקאָיע זעמעלעך?
קוק איך אויף דעם ייִנגעלע,
גלעט זײַן פֿוטער־היטעלע,
און עס ווערט מיר טרויעריק,
נאָר איך זינג מײַן לידעלע:

(רעפֿריין)

זינג איך, און מיר דאַכט, איך הער,
ווי עס בעט מײַן ייִנגעלע:
טאַטע, קויף אַ קיכעלע,
טאַטע, קויף אַ זעמעלע.

ווּ ביסטו, מײַן ייִנגעלע?
ווּ ביסטו, מײַן טײַערער?
דאַכט זיך, אַז דו שרײַסט צו מיר
פֿון די געטאָ־פֿײַערן:
(רעפֿריין)

שיין איז מאָסקווע אָוונט צײַט,
ווען עס פֿאַלט אַ שניייעלע,
גיי איך אויף דער גאָרקי גאַס
מיט דער יוגנט פֿרייען זיך.
זע איך קינדער, גיב איך זיי
קיכעלעך מיט זעמעלעך,
און מיר דאַכט, די גאַנצע וועלט
זינגט מײַן ליד – מײַן זמרל.

דאָס ליד דערמאָנט אַ צוויית, וואָס משה טייף האָט אָנגעשריבן מיט פיר יאָר שפּעטער, אין 1964, און אָנגערופן „מײַן ייִנגעלע". אָט איז די לעצטע סטראָפע:

שמײַסט דער ווינט אין נאַקן מיר,
און, ווי איך, ער פיבערט.
כ׳זע, ווי קינדער נאַקעטע
שיסט מען בײַ די גריבער...*

*) משה טייפס איין־און־איינציק קינד, טאָליק, איז אומגעקומען אין מינסקער געטאָ.

און ווי זאָלן ניט אויפלעבן אין זכרון זײַנע „זעקס מיליאָן", „ווילנע, זומער, 1944", „סאָניע מאַדייסקער", „אַנאַ פראַנק" און נאָך, נאָך וועגן חורבן, גבורה. (אַלע דערמאָנטע לידער גייען אַרײַן אין בוך: משה טייף, „אויסדערוויילטס", מאָסקווע, 1965.) און דאָס אַלץ איז בלויז אַ טייל פון זײַנע לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס. הײַנט, זײַנע „לידער פון תפיסה", דאַטירט 1937 און 1951—1956. דערווײַל זײַנען בלויז געציילטע פון זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

*

די אַרטיסטן האָבן זייערס אָפּגעטאָן, נאָר די בינע פאַרלאָזן זיי ניט. ס׳קומט אויס, ווי זיי וואָלטן וואַרטן געצאָלטס. אין גרויסן זאַל איז אָבער שאַ־שטיל. קיין מינדסטער שאָרך צעטראָגט זיך ניט. אין דעם מאָמענט זײַנען די געוועזענע קאַצעטלער מיט לײַב און לעבן ווידער דאָרט — אין די געטאָס, טויט־לאַגערן און ניט עמעצער אָן אַ נאָמען, נאָר יעדערער פון זיי האָט אַליין נאָרוואָס קלאָגנדיק געבעטן: „טאַטע, קויף אַ קיכעלע, טאַטע, קויף אַ זעמעלע".

כדי אָפּטרייסלען דעם ווייטיק־געפיל און ווידער קומען צו זיך, דאַרפן פאַרבײַ ניט קיין רגעס, נאָר מינוטן און דאַן ... ווי אַ וואַסער־פאַרפלייצונג זאָל דורכרײַסן אַ דאַמבע, רוישן די אַפּלאָדיסמענטן. ס׳איז, ווי מע זאָגט, הימל עפן זיך.

באַנאַנד מיט מיר שטייט אַ באַקאַנטער מאַנסביל. ער איז געווען פון די לעצטע פאַרטיידיקער אין דער בריסקער פעסטונג. ער פליעסקעט און שרײַט:

— דעם אויטאָר, דעם אויטאָר אויף דער בינע!

פון וואַנען זאָל דער אַסימילירטער ייִד וויסן, אַז שוין העכער צוואַנציק יאָר זינט דער ייִדישער דיכטער משה טייף איז אַוועק אין דער אייביקייט. אַז דעם מחברס קול־קורא „און לעבן זאָלן דיכטער־יווועלירן" („אונדזער גורל", 1932) בלײַבט ניט מער ווי אַ ווונטש, אַ טרוים — לײַדנשאַפטלעכע שטרעבונג צום געגאַרטן אידעאַל. מיט איין וואָרט: ראָמאַנטיק.

איז עס טאַקע אין לעבן אַזוי און ניט אַנדערש? ווען מ. טײַף איז שוין געווען געפערלעך קראַנק, האָט נאָך אין אים אַלץ געברויזט אַ קוואַל פון ניט אויסגענוצטע שעפערישע כוחות. ניט האַמעווענדיק די פּען, האָט ער אָנגעשריבן:

דעם אויטאָר, דעם אויטאָר אויף דער בינע!
ווער דאַרף מײַנע לידער, ווער דאַרף?
ווער דאַרף זיי, די ייִדישע ווערטער?
אַ לעבן איך פֿײַל זיי און שאַרף,
ווער קען מיך, ווער ווייסט מיך, ווער הערט מיך?

קלאָר, אַז ניט פון קיין גוט לעבן קומען אַזוינע ווערטער און ווען זײַנען זיי אַרויסגעבראַכט געוואָרן? גראָד דאַן, ווען פּאַר אונדזער פּיל-געפלאָגטן ייִדיש האָבן זיך שוין כלומרשט פאַרענדיקט די טראַגישע תקופות, און דאָך — ניט נאָר דערפאַר, ווײַל מיט בטחון איז אַוודאי גרינגער, נאָר ווײַל נאָך אַזאַ אָוונט, קאָן מען ענטפערן:

— דײַנע לידער, משהקע, דאַרף מען. ביז וואַנען ס'וועט נאָך זײַן כאָטש איין לייענער, איז דאַרף מען די ייִדישע ווערטער, און ניט אומזיסט האָסטו זיי אַ לעבן-לאַנג געפײַלט, געשאַרפט. און צום סוף: מע קען דיך, מע ווייסט דיך, מע הערט דיך!

# אַ באַגעגעניש אין ברוקלינער סעדל

חיים ביידער

זומער און אין פֿרײַען האַרבסט איז דאָס קלײנינקע סעדל, וואָס געפֿינט זיך אויף דער 18טער עוועניו צווישן דער 82סטער און 81סטער סטריט אין ברוקלין, פֿול געפּאַקט. אויף די לאַנגע בענק און בײַ די שאָך=טישלעך אונטער די זעלטענע ביימער זיצן געמיטלעך, פֿירן אומענדלעכע שמועסן אָדער שפּילן אין קאָרטן „רוסישע" ייִדן און ייִדענעס, מערסטנטייל מענטשן אין טיפֿן עלטער, וועלכע האָבן נישט וווּהין צו אײַלן זיך, ווײַל אַלע זייערע געשעפֿטן האָבן זיי איבערגעלאָזט ווײַט פֿון דאַנען — ערגעץ אין שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד אָדער טאַקע פֿון רוסלאַנד גופֿא און דערפֿאַר האָבן זיי בײַ די היגע אַמעריקאַנער איין צונעמעניש — „די רוסישע", נישט געקוקט דערויף, וואָס אַלע זײַנען זיי בפֿירוש ייִדן.

זאָגן, אַז דאָס סעדל איז מיר געפֿעלן און דאָס האַרץ ציט אַהין, קאָן איך ניט, ווײַל אויסהערן דאָס וויפֿלסטע מאָל פֿון מײַנע שוין באַקאַנטע „רוסישע" ייִדן, ווי גוט ס׳האָט זיך זיי געלעבט „דאָרטן", פֿון וואַנען זיי זײַנען מיט פֿינף, צען און אַפֿילו צוואַנציק יאָר צוריק געלאָפֿן, ווײַל זיי האָבן מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן די „דיסקרימינאַציע", און ווי אַזוי זיי פֿילן זיך ווי מענטשן פֿון „צווייטן סאָרט" דאָ, אין דער דעמאָקראַטישער מדינה, — אויסהערן איינע און די זעלבע טענות און זיפֿצן איז מיר שוין גאַנץ דערעסן געוואָרן. און שפּילן אין קאָרטן צי אין דאָמינאָ אונטערן אומאויפֿהערלעכן גערויש פֿון אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן און כלערליי גרילצנדיקע קולות איז אויך נישט פֿון די בעסטע פֿאַרגעניגנס.

און דאָך כאַפּ איך זיך אַמאָל אַרײַן אין סעדל — באַזונדערס, ווען די

ניו־יאָרקער זון ווערט אינמיטן דערינען אָנגעצונדן אויף דער שטאָט, וואָס האָט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צעלייגט מעשה באַלעבאָס אויפֿן ברעג פֿון דער אַטלאַנטיק, און לאָזט אויף איר אַראָפּ אַ פֿײַערדיקע צונג, נישט איבערלאָזנדיק פֿאַר די מענטשן קיין קאַפּל פֿרישע לופֿט. מיינענדיק, אַז מען קאָן זיך ראַטעווען פֿון דער היץ מיט אַ וויזיט אין סעדל, גיי איך אַהין צו און נעם זוכן אַ שטיקל פֿרײַ אָרט ערגעץ אויף אַ באַנק. געוויינלעך פֿאַרנעמען די מערהײַט ערטער מענטשן, וועלכע איך קען שוין פֿון לאַנג און מיט וועלכע אַלין, וואָס מען האָט געקאָנט דערציילן איינעם דעם אַנדערן, האָט מען שוין פֿון לאַנג אַרומגערעדט און דערצו נאָך פֿאַלן אונדזערע אינטערעסן ווײַט ניט צונויף, — כאַפּן מיר דאָס ביסל לופֿט שווײַגנדיקערהייט, וויסנדיק פֿאָרויס, אַז אויף קיין שום אומדערוואַרטע סענסאַציעס וועט מען זיך נישט אָנשטויסן.

און דאָ זעצט זיך צו אויף אונדזער באַנק אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר ווייניקער פֿון זיבעציק און טוט מיך פּלוצעם אַ פֿרעג:

— מען זאָגט, אַז איר האָט געקענט מײַן פֿעטער — יוסף טשערניאַק האָט ער געהייסן . . .

אין ברוקלינער ווירוואַר, וווּ מען קאָן אָנטרעפֿן אויף אַ מענטשן פֿון גאָר דער וועלט, איז דווקא דער נאָמען, וועלכן די פֿרוי האָט אָנגערופֿן, אויך געווען פֿון חידושים ונפֿלאות, ווײַל יענע מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט און האָבן געהאַט אַ געלעגנהײַט מיט אים זיך צו טרעפֿן, זײַנען שוין, ווײַזט אויס, פֿון לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט. אַזוי האָב איך געמיינט — און געהאַט, לאָזט זיך אויס, אַ מיאוסן טעות.

ניין, פּערזענלעך איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו קענען אָט דעם פּעדאַגאָג, פֿאָלקלאָריסט, וויסנשאַפֿטלער און לינגוויסט. נאָר עפּעס וואָס פֿון זײַנע שריפֿטן האָב איך יאָ געלייענט. כ׳האָב געוווּסט, אַז ער שטאַמט פֿון ווײַסרוסלאַנד, האָט געאַרבעט אין דער עטנאָגראַפֿישער סעקציע פֿון דעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, געווען אַ שול־אינספּעקטאָר אין קרימער ייִדישן ראַיאָן פֿרײַדאָרף, געלעבט אין מאָסקווע, ביראָבידזשאַן און טאַשקענט, געווען רעפּרעסירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע ייִדישע קולטור־טוער פֿון ביראָבידזשאַן, זיך אומגעקערט פֿון פֿאַרשיקונג אין סיביר און אין אָנהייב פֿון די זיבעציקער יאָרן עולה געווען קיין ישראל . . . און דאָ האָב איך אים פֿאַרלוירן פֿון אויג. אמת, נישט אינגאַנצן.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן (איך האָב דעמאָלט געוווינט אין דער אוקראַיִנישער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד”) באַקום איך פּלוצעם אַ בריוו פֿון מאָסקווע פֿון איינער אַ פֿרוי ליובע טשערניאַק, וואָס איר נאָמען האָב איך שוין געטראָפֿן אין די ערשטע נומערן פֿונעם זשורנאַל, און זי טיילט מיר מיט, אַז אין אַ געוויסער מאָס

זײַנען מיר אַפּילו זעמליאַקעס. דאָס הייסט, אַז ערגעץ אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט זי אויך געוווינט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און איז געווען אַן אַספּיראַנטקע אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון דאָרטיקן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט . . .

אַזוי איז אַוועק אין גאַנג אַ גאַנץ לעבהאַפֿטע קאָרעספּאָנדענץ. ערשט קומענדיק קיין מאָסקווע אויף אַ באַזוך אין דער מיט פֿון די זעכציקער יאָרן, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן, אַז ליובע טשערניאַק איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט, אַז זי האָט געהאַט אַפּילו דעם כבוד צו זײַן פֿאַרגעשטעלט מיט אַ ליד אין עזרא קאָרמאַנס באַרימטער אַנטאָלאָגיע „ייִדישע דיכטערינס" נאָך אין 1928, שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס זי האָט זיך באַטייליקט אין ערשטן נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך באַקענט פּערזענלעך און זיך איבערגעשריבן ביז איר פּריצײַטיקן טויט (אין 1970), נאָר קיינמאָל האָט זי מיר נישט געזאָגט, אַז יוסף טשערניאַק, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין טאַשקענט, איז איר לײַבלעכער ברודער.

און דאָ נאָ דיר: „מען זאָגט, אַז איר האָט געקענט מײַן פֿעטער — יוסף טשערניאַק האָט ער געהייסן . . ."!

אַזוי האָט דאָס ברוקלינער סעדל, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט אויף דער 18טער עוועניו צווישן דער 82סטער און 81סטער סטריט, אונדז צונויפֿגעפּירט מיט דער געוועזענער ביראָבידזשאַנער לערערין סאָפֿיע ראָזענבערג־באָראָדולינע, וואָס דער מיידלשער פֿאַמיליע־נאָמען פֿון איר מוטער איז געווען טשערניאַק, נאָר לויטן פּאַספּאָרט איז זי געווען „באָראָדולינע" — אַזאַ פֿאַמיליע־נאָמען האָט געטראָגן איר מאַן. אייגנטלעך גערעדט, האָט מען אפֿשר טאַקע געדאַרפֿט אָנהייבן פֿון דער משפּחה באָראָדולין, וועלכע וווינט אויך אין ברוקלין און וועלכע איך האָב געקענט נאָך פֿון ביראָבידזשאַן, ווו איך האָב אין אָנהייב פֿון די זיבעציקער יאָרן געאַרבעט און וווּהין איך פֿלעג אַ סך מאָל פֿאָרן אין קאָמאַנדירונג פֿון מאָסקווע אין די אַכציקער יאָרן. נאָר לאָמיר דערווײַל זיך אומקערן צו יוסף טשערניאַקן, וועלכער דינט אין אונדזער דערציילונג אַלם קנופּ־פּונקט, וואָס פֿאַרבינדט די גאַנצע מעשה. פֿאַרוואָס גראָד צו אים — איז אויך פֿאַראַן אַן ענטפֿער, און „שולדיק" איז אין דעם . . . דער אָקספֿאָרדער זשורנאַל „די פּען"!

יאָ, „די פּען", וועלכער האָט אין זײַן נומער 32 פֿאַרן יאָר 1997 איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל „די וויסנשאַפֿטלעכע ירושה פֿונעם גרויסן ייִדישן שפּראַך־פֿאָרשער פּראָפֿ. אַ. זאַרעצקי" און באַזאָרגט די פּובליקאַציע מיט אַ פֿאָרשריפֿט:

„דער אַרטיקל, וועלכן מיר דרוקן ווײַטער, איז צום ערשטן מאָל פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק אין דער וואַרשעווער צײַטונג „פֿאָלקס־שטימע" (דעם 18 יולי 1957). דער מחבר, יוסף טשערניאַק



אײַזיק זאַרעצקי

(1895-1975), וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין טאַשקענט (אוזבעקיסטאַן), דערציילט פּרטימדיק וועגן דעם רײַכן אַרכיוו פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם ייִדישן שפּראַך־קענער — איינעם פֿון די פּראָדוק־טיווסטע אין די יאָרן 1920-1938 — אײַזיק זאַרעצקי (1891-1956). די איינציקע זאַך, וואָס בלײַבט ניט קלאָר, איז . . . ווו דער דאָזיקער אַרכיוו געפֿינט זיך."

און נאָך אַ צושריפֿט: „אפשר עמעצער פֿון די לייענער פֿון „די פּען" וועט קענען ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער פֿראַגע?"

טאַקע די דאָזיקע צושריפֿט און פֿאַרשריפֿט האָבן מיך דערהויבן זיך נעמען צו דער פּען (איין גאָט ווייסט, אַז כ'האָב דאָ נישט געהאַט אין זינען קיין ווערטערשפּיל!), כדי צו דערמאָנען סײַ יוסף טשערניאַקן, סײַ אײַזיק זאַרעצקין, און ווען איך שרײַב אָט די שורות, ליגן אויפֿן טיש פֿאַר מײַנע אויגן א. זאַרעצקיס אַ צענדליק אַרטיקלען, וועלכע זײַנען הײַנטצוטאָג שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן, און י. טשערניאַקס אַ פּאָר אַרטיקלען, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אין סוף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן אין וואַרשעווער „ייִדישע שריפֿטן", און איינס פֿון די דאָזיקע אַרטיקלען הייסט „אײַזיק זאַרעצקי (דערינערונגען)". דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל, אין וועלכן יוסף טשערניאַק דערציילט וועגן זײַנע פּילצאָליקע און פֿיליאָריקע באַגעגענישן מיטן גרויסן ייִדישן לינגוויסט. י. טשערניאַק האָט דעמאָלט געוווינט אין טאַשקענט, און א. זאַרעצקי — אין קורסק. און די לעצטע צוויי אַבזאַצן פֿון די דערינערונגען ווילט זיך ציטירן, ווײַל זיי קאָנען אפשר דערפֿירן צום ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס עס שטעלט „די פּען":

דער ערשטער אַבזאַץ:

> ער [זאַרעצקי] האָט מיר מיטגעטיילט אין זײַנע בריוו וועגן ווערק, וועלכע זענען שוין אָנגעשריבן און וואַרטן אויף „דער גוטער שעה", ווען זיי וועלן געדרוקט ווערן (ייִדישער סינטאַקס, נאָטיצן וועגן דער שפּראַך פֿון קרימער קאָלווירטניקעס, פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן). מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ווען איך וועל קומען צו אים, קיין קורסק (ווו ער האָט די לעצטע צײַט געוווינט), וועל איך מיטברענגען מײַנע מאַטעריאַלן, און מיר וועלן צוזאַמען אָנשרײַבן אייניקע אַרבעטן.

די דאָזיקע גבית־עדות פֿון אַ מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו זאַרעצקין אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן, זײַנען פֿאַר אונדז זייער וויכטיק: ערשטנס, לייקענען זיי אָפּ חיים לויצקערס באַהויפּטונג אין זײַן אַרטיקל „אײַזיק זאַרעצקי — דער מענטש און דער געלערנטער" („סאָוועטיש היימלאַנד", נ. 9, 1965), אַז „זינט 1938 גייט איבער א. זאַרעצקי אויף רוסישער לינגוויסטיק", און, צווייטנס, ווײַזן זיי אָן אויף



יוסף טשערניאַק

זאַרעצקיס אַרבעטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דער „גוטער שעה", ווען זיי וועלן קאָנען פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן.

דער צווייטער אַבזאַץ:

> מײַן נסיעה צו אים, קיין קורסק, וועט אויסקומען פֿאָרנעמען, לײדער, אָן אים. אָנשטאָט מיטאַרבעטן מיטן לעבעדיקן זאַרעצקי וועט מיר אויסקומען „מיטאַרבעטן" מיט די מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן...

אויך דאָס איז פֿאַר אונדז זייער וויכטיק: דאָס ווײַזט אָן, אַז אויף דער פֿראַגע פֿונעם זשורנאַל „די פּען" („די איינציקע זאַך, וואָס בלײַבט ניט קלאָר, איז... ווו דער דאָזיקער אַרכיוו געפֿינט זיך") קאָן מען, דאַכט זיך, ענטפֿערן: דער אַרכיוו האָט אין יענער צײַט, ווען י. טשערניאַק האָט אים באַשריבן, זיך געפֿונען אין קורסק, און אויב עמעצער פֿון די פֿאָרשער פֿון זאַרעצקיס לינגוויסטישער ירושה וועט האָבן די מעגלעכקײַט און, פֿאַרשטייט זיך, חשק צו אים זיך דערקלײַבן, פֿאַרמאָגט ער שוין דעם ערשטן אָריענטיר... אגב, פֿאַרבלײַבט אַלס פּראָבלעם אויך די אויספֿאָרשונג פֿון י. טשערניאַקס לינגוויסטישע ירושה, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ בפֿירושן אינטערעס פֿאַר דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. צום באַדויערן, קאָנען אונדז אין דעם פּרט נישט העלפֿן י. טשערניאַקס לעבעדיקע קרובים — אין משך פֿון לאַנגע יאָרן האָבן זיי געלעבט באַזונדער און וויסן בלויז, אַז געשטאָרבן איז ער אין ישׂראל און וואָס איז געוואָרן מיט זײַנע „פּאַפּירן", האָבן זיי ניט קיין שום אַנונג...

פֿאַרבלײַבט עפּעס וואָס צו זאָגן וועגן י. טשערניאַקס און ל. טשערניאַקס קרובים גופֿא, ווײַל אויך דאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געווויסן אינטערעס. אָט ליגן פֿאַר מיר יוסף טשערניאַקס צוויי אַרטיקלען, וועלכע ער האָט אין סוף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן, וווינענדיק אין טאַשקענט, פֿאַרעפֿנטלעכט אין וואַרשעווער „ייִדישע שריפֿטן": די שוין דערמאָנטע דערינערונגען „אײַזיק זאַרעצקי" און אַ קאַפּיטל פֿון אַ גרעסערער אַרבעט „שלום־עליכם און שפּראַכפֿאָלקלאָר". און ווידעראַמאָל קומט אוים צו ברענגען פֿון בײדע פּובליקאַציעס ציטאַטן. אײַזיק זאַרעצקי קומט אין אַ קאָמאַנדירונג קיין פֿרײַדאָרף, באַגעגנט זיך דאָרט מיטן שול־אינספּעקטאָר יוסף טשערניאַק, וועלכן ער האָט נאָך געקענט פֿון סוף צוואַנציקער יאָרן, ווען דער לעצטער האָט געאַרבעט אין קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור און בײדע האָבן מיטגעאַרבעט אין נחום שטיפֿס זשורנאַל „די ייִדישע שפּראַך". צווישן אַנדערס, רעדן זיי וועגן טשערניאַקס אַרטיקל „די שפּראַך פֿון דער פֿאָלקס־ליד אין פֿאַרגלײַך מיט דער גערעדטער שפּראַך" (געדרוקט אין „די ייִדישע שפּראַך" — 1929, נ. 2). אײַזיק זאַרעצקי טוט אים דעמאָלט

אַ זאָג: „איר זעצט פּאָר יענע מאָנאָגראַפיעס? איר האָט דאָ זייער אינטערעסאַנטע זינגער און דערציילער (באָראָדולינאַ און אַנד.)"
און אינעם אַרטיקל „שלום⸗עליכם און שפּראַכפאָלקלאָר":

> פון דער פאָלקלאָר־טרעגערין נחמה באָראָדולינאַ, צום בײַש־פּיל, האָב איך געהערט אין פאַרשיידענע צײַטן איין און די זעלבע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן מיט פאַרשיידענע קוועלן־אָנווײַזונגען: אָט האָט זי געזאָגט: „מײַן מאַמע זאָגט", „אַלטער טוריק זאָגט", „די וועלט זאָגט", „זאָגט מען דאָך" א. א. און אָט: „ווי מוליע ראָסין זאָגט". דער באַוווּסטער דיכטער ש. ראָסין, מיט וועלכן זי האָט זיך אָפּט באַגעגנט, איז בײַ איר געווען – דער אויטאָריטעטסטער מענטש.

אַזוי אַרום, ווערט אין ביידע אַרטיקלען דערמאָנט „די פאָלקלאָר⸗טרעגערין נחמה באָראָדולינאַ". לאָזט זיך אויס, אַז אָט די באָראָדולינאַ איז ניט מער און ניט ווייניקער, ווי די מוטער פון דער געוועזענער ביראָבידזשאַנער לערערין סאָפיע ראָזענבערג⸗באָראָדולינע, מיט וועמען ס'האָט מיך צונויפגעפירט דאָס דערמאָנטע ברוקלינער סעדל, וואָס ליגט צווישן דער 82סטער און 81סטער סטריט אויף דער 18טער עוועניו! גאָטעניו, וויפל נסים ונפלאות קומען פאָר אויף דײַן וווּנדערלעכער וועלט! גיי ווייס, אַז ווען מיט אַ יאָר צען צוריק האָב איך אין ביראָבידזשאַן זיך באַגעגנט מיטן אינסטרוקטאָר פון געגנטלעכן פאַרטיי⸗קאָמיטעט מיכאַיל באָראָדולין און שײַכות מיט זײַן זון ניקאָלײַ באָראָדולין, וועלכער האָט זיך געקליבן דערלערנען ייִדיש, — וועל איך איצטער אָנטרעפן אויף מיכאַילס לײַבלעכער שוועסטער, סאָפיע, וועלכע וווינט שוין אין ברוקלין . . .

און נאָך מער: אויך מיכאַיל באָראָדולין וווינט אין ברוקלין, און נאָך פריִער האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט זײַן זון ניקאָלײַ, און עס איז מקוים געוואָרן זײַן טרוים צו ווערן אַ ייִדישער לינגוויסט.

אָבער דאָס איז שוין אַ געשיכטע אין אַ געשיכטע, וועגן וועלכער מען דאַרף דערציילן באַזונדער.

# לידער

שלום בערגער

## „גאָרניט איז אײביק”, זאָגסטו. גוט.

נאָר דײַן קוש:
אַכט טויזנט מאָל אַכט טויזנט תּורות
מ̣יט װײַן־כּתב אויף זײַדענע בלעטער
אײַנגעבונדן מיט פֿלאַמען.
װאָסער מת װערט ניט אויפֿגעלעבט
פֿון אַזאַ התגלות?

## מדרש יעקב

האָט זיך אים געחלומט
אַ לייטער ביזן הימל. ר׳זעט —
די געשטאַלטן האָבן אַלע
איין פּנים: זײַנם.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט:
אויך אין דעם דאָזיקן אָרט איז גאָט ניטאָ
און איך האָב ניט געװוּסט.
און ער האָט מורא געהאַט.

ער האָט דאָס אָרט גערופֿן „בית־עצמי”
און ער האָט אַ נדר געטאָן:

אויב גאָט װעט בלאָנדזשען אויפֿן װעג
װעל איך אים אויפֿנעמען אין מײַן הויז
װעל איך אים געבן ברויט צום עסן
און אַ בגד אָנצוטאָן.

פֿון אַלץ װאָס איך װעל פֿאַרדינען
װעל איך מעשׂרן אויף אויפֿצובויען גאָט.

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש

## ווערטער־מלחמה

ווערטער, ווערטער
זיי פירן אַ מלחמה
אין אים, אינעם
פּאָעט.
— אַרויס,
אַרויס פון מיר,
איר דערשטיקט מיך.
הערט אויף,
מײַן נשמה קען
אײַך ניט פאַרטראָגן
מער.
איך האָב אײַך
געצערטלט,
געמאַכט פון אײַך
ליד, און אַצינד . . .
אַרויס זאָלט איר
פון מיר.

# אַ קליינע גרופּע, גרויס פֿאַרגעניגן

## לאה שלאָסמאַן

קומט אַרײַן מאַנטיק אינדערפֿרי, צווישן צען און צוועלף אַזייגער, אין „סיניאָר לאָונדזש" פֿון „סאַראַסאָטאַ קאָמיוניטי סענטער", וועט איר טרעפֿן אַ גרופּע מענטשן אַרום אַ קײַלעכדיקן טיש. איינער לייענט פֿאָר אויף ייִדיש, עטלעכע האַלטן קאָפּיעס און לייענען מיט שטילערהייט, די איבעריקע הערן זיך צו מיט קאָפּ. אַלע זענען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער דערציילונג, אַז אויב איר גייט אַרײַן שטילערהייט, וועלן זיי אײַך אפֿשר נישט באַמערקן.

איר וועט זיך מסתּמא וווּנדערן פֿאַרוואָס דער לייענער שטעלט זיך אָפּ נאָך יעדן זאַץ און זעצט אים איבער אויף ענגליש. זייער פּשוט: אין אונדזער לייענקרײַז געפֿינען זיך מענטשן וואָס קענען גוט ייִדיש, די וואָס קענען ווייניקער, און אַ פּאָר וואָס הייבן זיך ערשט אָן צו לערנען די שפּראַך. כּדי אַלע זאָלן האָבן הנאה, זעצט מען איבער. נישט אַלעמאָל זעצט איבער דער לייענער אַליין, אַמאָל טוט עס אַן אַנדערער. ריווע, אַן אָנהייבער, ווערט אָפֿט אויפֿגעהײַטערט און רופֿט זיך אָפּ: „כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַלצדינג — לאָמיך איבערזעצן!"

ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס אַלע זענען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם בוך, י. י. זינגערס „פֿון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער". דאָס זענען זכרונות פֿון זײַנע קינדער־יאָרן אין פּוילישן שטעטל לעאָנטשין, סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט, אָנהייב צוואָנציקסטן. דאָס בוך איז אַ מײַסטערווערק, אַן אוצר.

זינגער ברענגט אונדז פֿאַרשיידענע פּערזענלעכקײַטן פֿון זײַן משפּחה און פֿון שטעטעלע, מיט די מינהגים, געשעענישן, ראַנגלענישן, צרות און פֿריידן — בקיצור, דאָס גאַנצע לעבן אַרום אים. דאָס קינד

יהושעלע זינגער איז געווען אַ פריילעכער, אַ ריר־עווידיקער, באַגײַסטערט איבער אַלץ וואָס האָט פּאַסירט. זייער אָפט שרײַבט ער: „דאָס האָט געהאַט פאַר מיר דעם זיבעטן חן".

ווי שוין דערמאָנט, איז אונדזער גרופּע אַ קליינע. אין שפּעטן פרילינג און פריִקן האַרבסט פאַרמאָגן מיר אַ האַלבן טוץ אָנטיילנעמער. (אין יולי און אויגוסט מאַכן מיר אַ הפסקה, ווײַל מען אַנטלויפט פון די פלאָרידער היצן.) ווינטערצײַט וואַקסן מיר ביז צוועלף־פערצן. די קליינקײַט פון דעם עולם שטערט נישט. פאַרקערט, פאַר דעם וואָס קען לייענען איז דער פאַרגעניגן אַפילו גרעסער — ער קען לייענען אָפטער.

די לייענער באַקומען זייערע זײַטלעך מיט אַ וואָך פריִער, כּדי זיי זאָלן האָבן צײַט איבערצוחזרן, אַרײַנקוקן אין ווערטערבוך. די אָנפירערין גרייט אויך צו די זעלבע זײַטן, זי זאָל קענען אונטערהעלפן ווען ס׳וועט זײַן נייטיק.

די מיטגלידער פון לייענקרײַז געפינען אַ באַזונדערן חן — נישט נאָר אין זינגערס בוך — אין דער גאַנצער אונטערנעמונג. ס׳איז מחיהדיק צו פרעגן פראַגעס און זוכן ענטפערס צוזאַמען, צו בעטן און פאָרלייגן דערקלערונגען. כּסדר שטעלן מיר זיך אָפּ צו דיסקוטירן אַזעלכע ענינים ווי: דער טײַטש, באַטײַט, און מקור פון אַ וואָרט אָדער אַן אידיאָם; ווי זעט אויס, למשל, אַ קאָפּקע, אַ זשופּיצע; פאַרוואָס האָט זינגערס זיידע, דער מתנגד וואָס האָט גאָר נישט געהאַלטן פון חסידות, געמאַכט אַ שידוך פאַר זײַן טאָכטער, זינגערס מוטער, מיט אַ חסיד? יעדערער ברענגט צו די דיסקוסיעס אַ סך דערפאַרונג, וואָס פירט צו אינטערעסאַנטע המצאות.

מיר ווערן אַנטציקט פון זינגערס רײַכע אויסדריקן, וואָס פאַר אונדז קלינגען אַ סך פון זיי נײַ און טשיקאַווע. למשל, „דער עולם האָט געריבן אויף וואָס די וועלט שטייט". און „די דורכגעפאַלענע האָבן זיך געשעמט אין ווײַטן האַלדז אַרײַן". ער באַשרײַבט אַ צעפּיעשטשעטן אײדעמלם „געוואַלדיקער צירלעך־מאַנירלעכקײַט". די ייִדן אין שטעטל רופן אַן אויסגעדינטן סאָלדאַט „דער ניקאָלאַיעווער קאַשע־פרעסער". און נאָך, און נאָך.

די מיטגלידער פון לייענקרײַז זענען אַלע פּענסיאָנירטע, פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס: אינזשענירן, לערער און לערערינס, אַ חזן, אַ דענטיסט, אַ ביבליאָטעקערשע, אַן אַדמיניסטראַטאָרשע, סאָציאַל־אַרבעטערינס. דאָס רוב זענען אַמעריקאַנער־געבוירענע וואָס זייערע עלטערן האָבן געשטאַמט פון מזרח־אייראָפּע. צוויי זענען געבוירן געוואָרן אין שטעטלעך, שיפרה אין אויטיאַן, אין דער ליטע, און דוד אין קרעמעניץ, פּוילן. די ווינטער־אײַנוווינער אין סאַראַסאָטאַ, און אויך די וואָס וווינען איצט דאָ אַ גאַנץ יאָר, קומען אַהער פון די שטאַטן ניו־יאָרק, ניו־דזשוירזי, מערילענד, ניו־העמפּשיר, קאָנעקטיקאָט, אילינוי,

מישיגען, אָהײַאָ, וואַשינגטאָן. מיר האָבן זיך אַלע באַקענט דאָ, אַדאַנק אונדזער ליבשאַפט צו ייִדיש.

אָט וואָס עטלעכע זאָגן וועגן לייענקרײַז:

אַלטער: „כ׳האָב עס זייער ליב, ווײַל מען הערט אַ ייִדיש וואָרט. מיר איז זייער געפעלן דאָס לייענען. איך דערקען די טיפן מענטשן וואָס זינגער באַשרײַבט. כ׳האָב פאַרברענגט עטלעכע חדשים אין פּוילן אין 1938 און געזען די זעלבע טיפּן אין וואַרשע און אין פּלאָצק.“

ריווע: „דער לייענקרײַז גיט מיר די בעסטע מעגלעכקײַט זיך אויסצולערנען ייִדיש, ווײַל כ׳האָב שוין פריִער אַ ביסל געקענט. איך פרעג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די זעלבע דעפיניציעס, ביז איך געדענק זיי. כ׳האָב אויך אויסגעברייטערט מײַן וויסן וועגן דער קולטור.“

דוד: „צו זעכצן יאָר האָב איך אויפגעהערט רעדן און לייענען ייִדיש. הײַנט האָב איך זיך אומגעקערט צו מײַן ערשטער שפּראַך. דאָס פאָרלייענען האָט מיר פאַרבעסערט מײַן לייענען און פאַרגרעסערט מײַן וואָקאַבולאַר. זינגערס בוך גיט מיר אײַנבליקן אין אַ קולטור וואָס כ׳האָב וויניק געקענט, כאָטש כ׳בין געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל, צו פיר יאָר בין איך שוין געווען אין אַמעריקע.“

פייגל: „אונדזער לייענקרײַז גיט מיר אַ סך פאַרגעניגן. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן, איז שוין געווען מער ווי פופציק יאָר וואָס כ׳האָב נישט געלייענט קיין ייִדיש וואָרט. דאָס לייענען דערמאָנט מיר אין די שיינע קינדער־יאָרן, ווען כ׳האָב גערעדט ייִדיש מיט מײַן באָבע און זיך געלערנט אין דער י. ל. פּרץ שול.“

שיינע־פּירע: „ס׳איז פאַר מיר זייער רירנדיק צו לייענען ייִדישע ליטעראַטור צוזאַמען מיט נאָך מענטשן וואָס שעפּן פון איר די זעלבע הנאה.“

דער לייענקרײַז האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק, מיט זינגערס בוך. איצט האַלטן מיר בײַם סוף פון זײַנע זכרונות. פאַרשטייט זיך, ס׳איז מיר נישט געווען גרינג אויסצוקלײַבן אַ צווייט בוך. נישט ווײַל ס׳איז שווער צו געפינען נאָך אַן אינטערעסאַנט בוך, פאַרקערט, שווער איז דאָס, וואָס מען מוז זיך באַגרענעצן צו איין בוך פון דער גלענצנדיקער ייִדישער ליטעראַטור.

האָב איך אויסגעקליבן שלום־עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס“. ערשטנס, וויל איך מיר זאָלן דאָס מאָל לייענען אַ ווערק פון בעלעטריסטיק. און צווייטנס, כאָטש אַלע זענען באַקאַנט מיט שלום־עליכמען, וויל איך מיר זאָלן זיך מיט אים בעסער באַקענען, כ׳בין זיכער אַז מיר וועלן שטאַרק הנאה האָבן פון „מאָטל“. ס׳וועט זײַן אינטערעסאַנט צו פאַרגלײַכן די צוויי גרויסע שרײַבער. מאָטל, אַן אויסגעטראַכטער העלד, איז דאָך זייער ענלעך צום יונגן זינגער — ביידע קלוגע, פרייליכע, לעבעדיקע; ביידע פאַרליבט אין דער וועלט אַרום; און ביידע דערציילן אונדז אַלצדינג. מאָטלס אַוואַנטורעס, כאָטש

גאַנץ אַנדערש פון זינגערס, ברענגען אונדז נאָכאַמאָל „אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער”.

מיר קוקן אַרויס אויף אַ סך יאָרן ווײַטער זיך צו באַטייליקן אין אונדזער לייענקרײַז און זיך נאָענט באַקענען מיט מײַסטערווערק פון אונדזער וווּנדערלעך־שיינער יידישער שפּראַך.

Der Onheib
Published by the:
Coordinating Committee of the Yiddish
Culture Clubs in Miami, Florida
Please send all correspondence to:
NOAH CHAIM LEWIN, Secretary
(From October to May)
231 174th Street, Apt. 1120
Miami, Florida 33160-3318
305-935-9907
(From June to September)
10212 65th Avenue, Apt. C62
Flushing, N.Y. 11375 · 718-896-8531

# דער אָנהייב

נומער 26, נאָוועמבער, 1997 ✡ ✡ ✡ מיאַמי/מיאַמי־ביטש, פלאָרידאַ



בילד פון באַרימטן סקולפּטאָר חיים גאָלדבערג

צוויי סטראָפעס אַרויסגענומען פון ליד

## די ראָד (כלהס צד)

פון

## מאַרק (מאַרקאָוויטש) וואַרשאַווסקי

**שלאָגט, כלי־זמר, אין די טאַצן,**
**ווער ווערט אַצינד מיך שאַצן?**
**אוי, אוי! גאָט איז גרויס!**
**ער האָט דאָך געבענטשט מיין הויז. . .**
**די מיזינקע גיב איך אויס —**
**די מיזינקע אויסגעגעבן!**
**די מיזינקע אויסגעגעבן!**

**איציק!. . . שפּיציק!. . .**
**וואָס שווייגסטו מיט דעם שמיציק?!**
**אויף די כלי־זמר טו אַ געשריי:**
**צי שפּילן זיי, צי שלאָפן זיי,**
**רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי! —**
**די מיזינקע אויסגעגעבן!**

דאָס ליד דרוקן מיר לזכר דעם 90סטן יאָרצייט פון באַרימטן פאָלקס־זינגער, געבוירן דעם 26סטן נאָוועמבער, 1848, אין אָדעס, אוקראַינע, געשטאָרבן אין יאָר 1907 אין קיעוו.

(אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן מ. מ. וואַרשאַווסקי האָפן מיר צו דרוקן אין קומענדיקן נומער 27, צו זיין 150סטן געבורטניאָר.)

די הילע פון אַ פרישן (נאָוועמבער 1997) נומער פון דעם זשורנאַל „דער אָנהייב” וואָס גייט אַרויס אין פלאָרידאַ.

# דער בונד: אַן אָנגעהעריקײַט און אַ שורש

מירע וואָלפסאָן

נאָך מיט אַכט יאָר צוריק, שוין זײַענדיק אין די מיטעלע יאָרן, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט וועגן דעם בונד. און בכלל — וועגן סאָציאַליזם האָב איך כמעט ניט געהערט אין די דרײַ ערשטע יאָרצענדליקער פון מײַן לעבן. און כאָטש שאָטלאַנד האָט טאַקע געשטימט בעת די וואַלן פאַר די לינקע פון ענגלאַנד, איז „מײַן חלק שאָטלאַנד" געווען מיטלקלאַסיש און קאָנסערוואַטיוו. און אויך זייער ייִדישלעך. אין מײַן קלאַס, אין דער שול, זײַנען געווען בלויז דרײַ צי פיר ייִדישע מיידלעך, אָבער מײַן סאָציאַל לעבן איז אַדורך כמעט אויסשליסלעך צווישן ייִדן. צוריקגערעדט, ס׳איז אַ ביסל אַ גוזמא צו נוצן דעם טערמין „סאָציאַל לעבן". איך בין געווען זייער שעמעוודיק און דערצו נאָך גאַנץ ערנסט, אַזוי אַז איך פלעג שטענדיק ליגן אין בעט און לייענען. דאָס גיין אין חדר איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע סאָציאַלע געשעעניש. ביזן הײַנטיקן טאָג האָב איך נאָך ניט באַגעגנט קיין צווייטן מענטשן וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט צו גיין אין חדר.

אינדערהיים, ווען צו אונדז פלעגן קומען די מומעס און די פעטערס מײַנע, האָט מען גערעדט וועגן משפּחה־ענינים, וואַקאַציעס, בערזעס און אַקציעס, און — פאַרשטייט זיך — ישראל. איטלעכער איז געווען אַ ציוניסט. ווי אַנדערש? אויב עמעצער האָט ניט געגעבן קיין געלט אויף ישראל, איז ער (צי זי) געווען אַ קמצן. קיינער האָט אַפילו ניט געטראַכט, אַז אַ ייִד האָט געקענט אַנדערש קוקן אויף דער וועלט. מײַן

טאַטע האָט אַ סך יאָר פרײַוויליק געאַרבעט פאַרן Joint Israel Appeal. נײַעס וועגן ישראל האָט מען געלייענט אין דער פרעסע, געהערט אויף ראַדיאָ, געקוקט אויף טעלעוויזיע. די דאָזיקע נײַעס האָט מען אַרומגע=רעדט. בריטישע צײַטונגען און פּאָליטישע טוער פלעגט מען אָפשאַצן לויט דעם ווי זיי באַציִען זיך צו ישראל, און אויף אַלע אַראַבער פלעגט מען קוקן מיט אַ חשד.

אינדערהיים, צווישן די אייגענע, זײַנען מיר געווען צום אַלעם ערשטן ייִדן און שוין דערנאָך בריטישע מענטשן. מיר האָבן געפראַוועט יום=טובים, אַזוי אָדער אַנדערש געהאַלטן שבת, געגעסן כשר, איבערגע=לעבט וועגן ישראל און אַפילו גענוצט אַ פּאָר ייִדישע ווערטער. ס'איז געווען אַנדערש ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פון דער היים. איך געדענק ווי די עלטערן האָבן מיך געבעטן צו רעדן שטילער, ווײַל איך האָב געשריגן צו מײַן שוועסטער נוצנדיק ייִדישע פראַזעס. ווען איך טראַכט איצט וועגן יענער צײַט, פאַרשטיי איך אַז מיר האָבן זיך אויפגעפירט לויט מאָדנע כללים. מיר האָבן געוווּסט אַז מיר זײַנען אַנדערש, און אונדזער אַנדערשקייט האָט געדאַרפט זײַן קלאָר פאַר אַלעמען: מיר האָבן ניט געגעסן ווי אַנדערע תלמידים, זיך ניט געמאָליעט מיט זיי אינדערפרי, און ניט געזונגען וועגן קריסטוסן ערב ניטל. אין דער זעלבער צײַט, האָבן מיר כמעט ניט דערמאָנט אונדזער ייִדישקייט. ס'איז פשוט ניט געווען פאַרפירט צוציִען צו זיך צו פיל אויפמערק=זאַמקייט.

מ'האָט אויך כמעט ניט גערעדט מכוח דעם חורבן. ווען איך בין געוואָרן גרויס גענוג צו פאַרשטיין וואָס און ווען, האָט דער חורבן — און די מלחמה בכלל — אויסגעזען ווי עפּעס וואָס איז פאָרגעקומען מיט לאַנגע יאָרן צוריק און ניט בלויז מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם ווי מײַן שוועסטער און איך זײַנען געבוירן געוואָרן. צומאָל פלעגט דער טאַטע זיך דערמאָנען אין געשעענישן פון דער צײַט ווען ער איז געווען אין אַרמיי. אויפן בוידעם האָט ער געהאַלטן זײַן מיליטערישן בעטל און קאָלדרעם פון יענער צײַט. דאָס איז געווען ג ע ש י כ ט ע. מיר דאַכט זיך אַז, אַלס קינד, האָב איך געזען דאָקומענטאַלע קאַדרען וועגן די קאָנצענטראַציע=לאַגערן, אַפנים פילמירט ווען מ'האָט זיי באַפרײַט. מענטשן, אין אוניפאָרמעס פון קאַצעטניקעס, מיט קורץ אָפגעשוירענע קעפּ, זײַנען געווען מער ענלעך אויף סקעלעטן. איך האָב געוווּסט אַז עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך איז פאָרגעקומען מיט די ייִדן, אָבער דאָס אַלץ האָט גלײַך ווי גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט מיר און מיט די מענטשן וואָס איך האָב געקענט.

פון מאָל צו מאָל האָב איך געהערט ווי מ'האָט דערמאָנט דײַטשישע ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין גלאַזגאָ. איך מיין ניט אַז זייער צאָל איז געווען גרויס. מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר מענטשן וואָס זײַנען געווען אַ ביסל אַנדערש פון אונדז, און מ'האָט מיט זיי ווייניק געהאַט צו טאָן. און



מירע (שטייט די דריטע פון רעכטס) באַקומט אַ פּריז אין איר חדר ביַי דער „קווינס פּאַרק שול" (גלאַזגאָ, 1963)

אפשר האָבן זיי ניט שטאַרק געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אונדז. ווער ווייסט? בכלל, מיר זיַינען געווען דורך און דורך ליטוואַקעס און האָבן זיך געפילט באַקוועם צווישן אַנדערע ליטוואַקעס. אין גלאַזגאָ זיַינען, פאַרשטייט זיך, געווען גאַנץ אָרעמע ייִדן, אָבער כ׳האָב זיך וועגן זיי דערוווּסט נאָר ווען איך בין געווען אַ יאָר פופצן אַלט, און איך געדענק אַז דאָס האָט מיך ממש שאָקירט.

איך בין געוואָרן עלטער, אָבער פאַרבליבן שעמעוודיק. עטלעכע מאָל האָט מען מיך אַרויסגעשטופּט אויף ייִדישע טענץ־אָוונטן, אָבער איך האָב זיי פיַינט געהאַט. איך בין געווען אַ זעלטענער פאַל: די מאַמע האָט זיך געקלאָגט אַז איך נוץ צו ווייניק שמינקע.

אַ יאָר פופצן אַלט, האָב איך אָנגעהויבן ווערן סאָציאַל זעלבסט־באַוווּסטזיניק. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט געהאָלפן מענטשן (פאַרשטייט זיך, ייִדן), באַזונדערס די וואָס האָבן ניט געקענט אַרויסגיין פון שטוב. בעת דער זעקס־טעגיקער מלחמה האָב איך זיך געריסן פאָרן קיין ישראל צו אַרבעטן אין אַ קיבוץ, אָבער איך בין געווען צו יונג.

עפּעס האָט זיך געביטן צום בעסטן ווען איך האָב פאַרענדיקט די שול. דער אוניווערסיטעט, אין וועלכן כ׳האָב זיך געלערנט, איז געווען אין מיַין היימשטאָט, גלאַזגאָ. כמעט אַלע פון מיַין סביבה האָבן זיך דאָרטן געלערנט. דער אוניווערסיטעט האָט אַ ביסל — גאָר אַ ביסל — ברייטער געמאַכט מיַין וועלטבאַנעם. יעדנפאַלס, אין מיר האָט זיך אַנטוויקלט אַ געפיל אַז איך בין פאַרשפאַרט אין די ד׳ אמות פון מיַין

סביבה. כ׳האָב געוואָלט אַוועקפאָרן פון דער היים. כ׳האָב געטרוימט וועגן פאָרן קיין ישראל גלײַך נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, אָבער די עלטערן מײַנע האָבן מורא געהאַט אַפילו צו הערן דערפון. מאַלע וואָס קען זיך דאָרטן טרעפן. איך קען זיך, למשל, באַקענען מיט עמעצן ווער . . . ס׳פּאַסט ניט. סוף־כּל־סוף האָבן מיר געמאַכט אַ פשרה. כ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, צו אַרבעטן אַלס סאָציאַלער אַרבעטער. דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, נעענטער צום רעאַלן לעבן. בײַטאָג פלעג איך אַרומגיין איבער אָרעמע הײַזער אין דרום־מזרח לאָנדאָן. אויפדערנאַכט, פלעג איך פאַרברענגען צײַט מיט מײַנע ייִדישע פרײַנט און שכנים. ביסלעכווײַז, האָבן זיך געשאַפן גוטע באַציִונגען מיט די קאָלעגעס. אפשר בין איך געווען ניט אַזוי אַנדערש ווי איך האָב געהאַט געטראַכט? די אַרבעט און די מענטשן זײַנען געווען וויכטיק פאַר מיר, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאַט קיין פּאָליטישע קאָנאָטאַציע, כאָטש אין מיר האָט זיך שוין געהאַט אַנטוויקלט אַ געפיל אַז די וועלט איז פול מיט אומיושר.

אין 1977 האָב איך חתונה געהאַט, אַ קורצע צײַט געלעבט אין אָקספאָרד און דערנאָך אַריבערגעפאָרן קיין נאָטינגעם. מײַן מאַן איז געווען אַ ייִד, אָבער אַ גאַנץ אַסימילירטער. ווי אַ פּועל־יוצא, בין איך געוואָרן אַ סך ווייניקער פאַרבונדן מיטן ייִדישן לעבן. נאָך מער, דאָס ייִדישע לעבן אַליין האָב איך אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ מין באַגרענעצטקײַט. מײַנע רעליגיעזע געפילן האָבן זיך געהאַט אויסגעוועפּט נאָך מיט אַ היפּשער צײַט צוריק. יאַקאָס אַליין פאַר זיך האָב איך אויך אויפגעהערט צו גלייבן אין ציוניזם. ס׳איז פּשוט געוואָרן צו שווער צו לייענען אָדער הערן די נײַעס וועגן ישראל.

אָנהייב די 1980ער יאָרן, האָב איך זיך באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע פאַר נוקלעאַרער אַנטוואָפענונג. ס׳איז מאָדנע, אָבער איך געדענק אַפילו ניט ווי אַזוי כ׳בין געקומען צו דעם. דאָך איז די דאָזיקע פאַרבינדונג געווען זייער וויכטיק פאַר מיר. צום ערשטן מאָל בין איך געווען אָפן פאַרבונדן מיט אַ פּאָליטישער באַוועגונג.

פון 1984 האָב איך מער ניט געלעבט מיטן מאַן. גלײַכצײַטיק בין איך אַלץ מער און מער געוואָרן פּאָליטיש אַקטיוו. תּחילת — דורך דער קאַמפּאַניע פאַר נוקלעאַרער אַנטוואָפענונג, ווען איך פלעג גיין אויף דעמאָנסטראַציעס אין נאָטינגעם, לאָנדאָן און בײַ די מיליטערישע באַזעס „גרינהעם קאָמאָן" און „מאָלסוואָרט". מיר זײַנען געפאָרן מיט אויטאָבוס אַ גאַנצע נאַכט, אינמיטן ווינטער, ביז מאָלסוואָרט און האָבן פאַרבראַכט דעם טאָג, זיצנדיק אין שניי, כּדי שטערן די בויער פון דער באַזע. צווישן אונדז, די נאָטינגעמער, האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון אמתער ברידערשאַפט. מיר האָבן געגלייבט אין דעם וואָס מיר האָבן געטאָן.

דערנאָך איז געקומען דער שטרײַק פון שאַכטיאָרן, אין 1984-1985.

די מערהייט פון די נאָטינגעמער שאַכטיאָרן האָבן פאָרגעזעצט אַרבעטן, זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם נאַציאָנאַלן יוניאָן פון שאַכטיאָרן (NUM) און האָבן געשאַפן דעם שטרייקברעכערישן יוניאָן פון דעמאָקראַטישע שאַכטיאָרן. ווי אַ רעזולטאַט, האָט דער NUM געשיקט זײַנע מיטגלידער פון פאַרשיידענע טיילן פונעם לאַנד צו האַלטן פּיקעטן בײַ די שאַכטעס אַרום נאָטינגעם. דעמאָלט האָבן נאָך ניט עקזיסטירט די געזעצן, דורך וועלכע מאַרגאַרעט טעטשער האָט באַגרענעצט די פּיקעטן. דאָך האָט די פּאָליציי אַרויסגעשטעלט פּאַטרולן אויף די וועגן צו פאַרקערעווען אַלעמען וואָס עס האָט אויסגעזען „פאַרדעכטיק". יאָ, דאָס האָט געהייסן: אַ פרײַ לאַנד . . .

מײַן ענטפער איז געווען אַז איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער לייבאָריסטישער פאַרטיי. הײַנטצוטאָג קלינגט עס ניט ווי אַ ראַדיקאַלער ענטפער, אָבער דעמאָלט איז דאָס געווען וויכטיק. די לייבאָריסטן זײַנען, לכל־הפּחות, געווען קעגן פאַרמאַכן די שאַכטעס און קעגן די געזעצן וואָס זייער ציל איז געווען צו באַגרענעצן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (יוניאָנס). בהדרגה בין איך געוואָרן אַקטיוו אין דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיי און אין דעם וואַל־באַצירק. איך פלעג אַרומגיין איבער הײַזער, צעגעבן פליבלעטלעך, אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, און בכלל געפילט אַז איך האָב עפּעס אַ דעה. (כ׳האָב, צום באַדויערן, אויפגעהערט צו פילן דאָס זעלבע זינט טאָני בלעיר איז געוואָרן דער לידער, און אין צוועלף יאָר אַרום האָב איך פאַרלאָזן די פאַרטיי; אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשה.)

מער אָדער ווייניקער אין דער זעלבער צײַט, האָב איך זיך אָנגעהויבן אומקערן צום יידישן לעבן. כ׳האָב פאַרענדיקט זיך לערנען אויף אַ פּסיכאָטעראַפּעווט און גענומען שרײַבן אַ דיסערטאַציע. איך האָב אַליין ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס — כ׳האָב דאָך שוין לאַנג זיך אָפּגעזונדערט פון יידישע ענינים — אָבער די פראַגע וואָס האָט מיך ממש פאַרכאַפּט איז געווען: ווי אַזוי האָט מען געקענט דערקלערן אַז צווישן פּסיכאָטעראַפּעווטן פלעגט מען באַגעגענען זייער אַ סך יידן? אגב, די אויספירן מײַנע זײַנען געווען אַז, ערשטנס, פאַרשטייען זיי וואָס דאָס איז אַזוינס צו זײַן באַדריקט און, צווייטנס, זײַנען זיי אין שטאַנד צו זען דאָס לעבן פון אַ ספּעציפישער, ברייטערער פּערספּעקטיוו, ווײַל די יידן לעבן זיך אויס אין מער ווי איין קולטור. אַדאַנק דעם פּראָיעקט, פלעג איך ווידער באַגעגענען יידן אַלס יידן, אָבער איצט האָב איך געקוקט אויף דעם אַנדערש. אייניקע פון מײַנע באַקאַנטע האָבן אויך זיך געפילט אויף דער פּעריפעריע פונעם יידישן לעבן. מיט זיי האָב איך געקענט זײַן אויפריכטיק.

מיט צען יאָר צוריק, אין אַ היגער ביכער־קראָם פאַר ראַדיקאַלער ליטעראַטור, האָב איך דערזען אַ נומער פון Jewish Socialist, דעם



אָנטיילנעמער אין דער
פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע
בײַ דער באַזע
„מאָולסוואָרט" (דעם 6טן
פֿעברואַר 1986)

זשורנאַל פֿון ייִדישער סאָציאַליסטישער גרופּע, 'Jewish Socialists
Group. כ׳בין געווען פֿאַרחידושט! ערשטנס, אַז אַזאַ זשורנאַל האָט בכלל עקזיסטירט. דערצו נאָך, אַז מ׳קען אים קריגן אין נאָטינגעם. פּלוצעם האָב איך געפֿונען אַ גאַנצע גרופּע מענטשן וואָס האָבן געגלייבט אין סאָציאַליזם און האָבן ניט געהאַלטן אַז אַ ייִד דאַרף אומבאַדינגט זײַן אַ ציוניסט. נאָך מער, זייער סאָציאַליזם איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון זייער ייִדישקייט. זיי האָבן געגלייבט אין דער וויכטיקייט פֿון ייִדישער קולטור, פֿון ייִדישן לעבן אין אַלע לענדער. זיי האָבן אויך געהאַלטן אַז ס׳זײַנען ניטאָ קיין „גוטע" און „שלעכטע" ייִדן, אומאָפּהענגיק פֿון זייער פֿרומקייט, אָפּשטאַם וכ׳. אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַן

„אָפּשטאַמלינג" פון דעם בונד.

די גאַנצע זאַך איז געווען אין איינקלאַנג מיט מײַנע געדאַנקען. דאָך פאָרנדיק קיין לאָנדאָן, אויף דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער גרופּע, בין איך געווען גאַנץ נערוועז. אָבער זיי האָבן מיך וואַרעם איפּגענומען. אַזוי האָב איך אָנגעהויבן קומען אויף זייערע צונויפקומענישן, יעדעס מאָל ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ מעגלעכקײַט. כ׳האָב זיך אַ סך געלערנט פון זיי, באַזונדערס וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען צווישן די ייִדן. מיר זײַנען זייער צום האַרצן געווען די דיסקוסיעס, די הייסע פּאָלעמיק, די פאַראינטערעסירטקײַט פון די מענטשן און זייער פרײַנטלעכקײַט. ווי ס׳איז נאַטירלעך פאַר אַ ייִדישער גרופּע, האָט זיך קיין איין באַגעגעניש ניט געקענט באַגיין אָן אַ כוסע און אָן אַ פאַרבײַסעכטס. דאָס איז ניט געווען דער סאָציאַליזם וואָס כ׳האָב געהאַט געקענט.

איך בין דערמוטיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן ייִדישע סאָציאַליסטישע טעטיקײַט אין נאָטינגעם. כ׳האָב זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן אַ ריי אונטערנעמונגען וואָס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט אַן אויסשטעלונג געווידמעט אַנע פראַנק (דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט מײַן איצטיקן פּאַרטנער) און איך האָב אָרגאַניזירט אין נאָטינגעם אַ ברענטש פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער גרופּע. ווײַל איך האָב רעפּרעזענטירט אַ ייִדישע גרופּע, האָבן אַנדערע לינקע און אַנטי־ראַסיסטישע גרופּעס און נאָטינגעם אָנגעהויבן מיך זען ווי אַ מין ייִדישן פאָרשטייער בכלל. צווישן די לינקע זײַנען דאָ פאַראַן אַ סך ייִדן, אָבער זייער ייִדישקײַט איז פאַר זיי פּשוט אַ „צופעליקײַט".

אין דער צײַט האָב איך זיך ביסלעכווײַז דערוווּסט וועגן דעם בונד און זײַן געשיכטע, ווי אויך וועגן זײַן השפעה אויף דער ייִדישער סאָציאַליסטישער גרופּע, וואָס באַזירט זיך, אין אַ היפּשער מאָס, אויף די פּרינציפּן און דער אידעאָלאָגיע פונעם בונד. איך קען ניט זאָגן אַז פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אַנטפּלעקונג. כ׳געהער ניט צו מענטשן וואָס קומען פּלוצעם צו ראַדיקאַלע באַשלוסן אָדער וואָס האָבן הנאה פון הויכע אינטעלעקטועלע דעבאַטעס (כאָטש אָפּטמאָל הער איך זיי מיט גרויס אינטערעס). בטבע האָב איך ליב זיך פאַרטיפן אין קלערענישן. פאַרשיידענע צעריסענע געדאַנקען באָמבלען זיך אין מײַן קאָפּ, און פּלוצעם פיל איך אַז ס׳איז אַרויסגעשווומען עפּעס וואָס איז וויכטיק פאַר מיר.

אַזוי איז געווען מיט דער אינפאָרמאַציע וועגן דעם בונד — רויק, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, האָט זי זיך אין מיר אַקומולירט און נאָר דערנאָך האָט זיך אַלץ געשטעלט אויף די ערטער: די איבערצײַגונג וועגן דער וויכטיקײַט פון קולטור־אידענטיטעט אַלס באַדײַטנדיקן טייל פון סאָציאַליזם; אונדזער רעכט צו זײַן בירגער פונעם לאַנד וווּ מיר וווינען; די וויכטיקע ראָלע וואָס דער בונד האָט געשפּילט אין ווידערשטאַנד בעת דער מלחמה (למשל, די העלדישקײַט און ייִאוש פון שמואל

זיגלבוים); די רײַכקײַט פֿון ייִדישער קולטור און דער ייִדישער בילדונגס־סיסטעם.

די אָפּקלאַנגען פֿון מײַנע אייגענע קינדער־יאָרן זײַנען געווען שוואַך, אָבער זיי האָבן געשפּילט עפּעס אַ ראָלע. די עלטערן מײַנע האָבן ניט גערעדט קיין ייִדיש, אַחוץ אַרײַנמישן דאָ און דאָרטן אַ ייִדיש וואָרט צי אַ פֿראַזע, אָבער די באָבע, איר שוועסטער און אַ פֿעטער האָבן יאָ גערעדט ייִדיש. נאָך שפּעטער, לייענענדיק פֿיליפּ ראָטן (Philip Roth), האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז איך געדענק אַ סך ייִדישע ווערטער. כ׳האָב באַשלאָסן צו לערנען ייִדיש — ניט קיין פּשוטע זאַך אין נאָטינגעם.

דאָך, קאָמבינירנדיק אַ ייִדישן קלאַס אין נאָטינגעם מיט ייִדישע זומער־פּראָגראַמען אין אָקספֿאָרד, ווי אויך פֿאָרנדיק קיין לאָנדאָן יעדע צוויי־פֿיר וואָכן אויף אַ ייִדישן קלאַס, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן דערגרייכן עפּעס אַ ניווא פֿון קענען די שפּראַך. (וואָס איז, פֿאַרשטייט זיך, גאָר ניט גענוג כדי שרײַבן אָט דעם טעקסט אין ייִדיש!) אין דער זעלבער צײַט, האָט ייִדיש שטאַרקער געמאַכט מײַן אינטערעס צום בונד. מײַן לערערקע אין לאָנדאָן, אסתּר ברונשטיין, קומט פֿון לאָדז, פֿון אַ בונדיסטישער משפּחה. אַדאַנק דעם, בײַם לייענען און רעדן מיט איר, קומען צוריק די געשעענישן פֿון אַמאָל, דאָס לשון און די ליטעראַטור.

מענטשן זאָגן מיר צומאָל אַז זיי האַלטן בונדיזם פֿאַר אַ פֿאַרפֿירערישער און נאַיִוו־אָפּטימיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט ניט געגעבן קיין רעאַליסטישן ענטפֿער אויף דער „ייִדן־פֿראַגע”. ווי פּרץ זילבערבערג (אַ בונדיסט פֿון קאַנאַדע) האָט ניט לאַנג צוריק געזאָגט אין וואַרשע, בעת די פֿײַערונגען געווידמעט דעם 100־יאָריקן יובֿל פֿון בונד: „ניט די אידעען [פֿון בונד] זײַנען רויִנירט געוואָרן, ס׳איז אומגעקומען די באַפֿעלקערונג. אויב די בריטישע אַרמיי וואָלט ניט צעקלאַפּט דעם שונא בײַ על־אַלאַמיין, וואָלט די באַפֿעלקערונג פֿון ארץ ישׂראל אויך אומגעקומען.”

אַלץ האָט זײַן צײַט, און די צײַט פֿון בונד איז אַפּנים אַדורך. אָבער די אידעען פֿון בונד האָבן נאָך אַלץ אַ שייכות — ניט בלויז פֿאַר מיר, אויך פֿאַר אַנדערע מענטשן. ווען מ׳האָט געפֿײַערט אין לאָנדאָן דעם 100־יאָריקן יובֿליי פֿון בונד, זײַנען געקומען הונדערטער מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער. אייניקע — אָבער גאָר ניט אַלע — האָבן געהאַט אַ משפּחה־פֿאַרבינדונג מיטן בונד. אַ סך פֿון זיי זײַנען בכלל ניט געווען פֿאַרבונדן מיט קיין שום ייִדישער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי האָבן געזוכט אַן אופֿן פֿון אַנטפּלעקן זייער ייִדישע אידענטיטעט, וואָס נעמט ניט אַרײַן ציוניזם און רעליגיע און נעמט יאָ אַרײַן דעמאָקראַטיע און פּלוראַליזם.

ייִדיש און סאָציאַליזם זײַנען פֿאַר מיר די זאַכן אַדאַנק וועלכע איך פֿיל אַז מײַן לעבן האָט אַ זין. פֿאַר מיר איז דאָס, אַפּנים, אַ פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַרגאַנגענהײַט, מיט דעם פֿון וואַנען איך שטאַם, און דאָס

איז אויך מײַן האָפֿענונג מכּוח דער צוקונפֿט. קולטור און געשיכטע גיבן אונדז דאָס געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט. יושר און גערעכטיקייט זײַנען וויכטיק, אָבער אַ מענטש נייטיקט זיך אין אַן אָנגעהעריקייט און אין אַ שורש.

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון ג. עסטרײַך

---

## דער „בונד" איז 100 יאָר אַלט

דער יאַנואַר־פֿעברואַר 1998 נומער פֿונעם תּל־אָביבער זשורנאַל „לעבנס־פֿראַגן" דערציילט וועגן אַ צאָל אונטערנעמונגען לכּבֿוד 100 יאָר פֿון בונד. אַן אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿטלעכע קאָנפֿערענץ איז סוף נאָוועמבער 1997 אַדורך אין וואַרשע, וואָס איז צווישן די מלחמות געווען דער הויפּט־צענטער פֿון בונד. די קאָנפֿערענץ האָבן אָרגאַניזירט דער ייִדישער אינסטיטוט אין וואַרשע און דער פּוילישער אָפּטייל פֿון דער „פֿרידריך עבערט פֿונדאַציע", ווי אויך דער אינסטיטוט פֿאַר בונד בײַם אוניווערסיטעט אין חיפֿה, דער אינסטיטוט פֿאַר נײַ־צײַטיקער ייִדישער געשיכטע בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, און דער דײַטשישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע.

פֿאַר דער דערעפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען די באַטייליקטע, אַרײַנגערעכנט דעם רעדאַקטאָר פֿון „לעבנס־פֿראַגן", יצחק לודען, אַרויסגעפֿאָרן מיט אַן אויטאָבוס צום וואַרשעווער גענשער בית־עולם און דאָרט באַזוכט סײַ די אמתדיקע און סײַ די סימבאָלישע מצבֿות פֿון די בונדישע מנהיגים — הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, יוסף כמורנער, ד"ר לעאָן פֿײַנער, ד"ר שולדענפֿרײַ א.א., ווי אויך פֿון די געפֿאַלענע בונדישע קעמפֿער אין וואַרשעווער געטאָ — צווישן זיי די דרײַ ברידער בלאָנעס (יורעק, לושעק און גאַבריש, דער ייִנגסטער געטאָ־קעמפֿער) און זייער שוועסטער גוטע, און אינזש. מיכאל קלעפּפֿיש, דעם פּראָדוצירער פֿון דעם געטאָ־געווער, די „מאָלאָטאָוו־פֿלעשער". זײַן טאָכטער, ד"ר אירען קלעפּפֿיש, (לעבט הײַנט אין מאָנטרעאָל; זי האָט זיך באַטייליקט מיט אַ רעפֿעראַט אויף דער קאָנפֿערענץ) האָט געלייגט בלומען אויף דער מצבֿה פֿון איר העלדישן פֿאָטער. איבער דער מצבֿה הייבט זיך אויף דער קעמפֿער־דענקמאָל, אויסגעפֿירט פֿון דעם סקולפּטאָר נאַטאַן ראַפּאַפּאָרט. עס איז געווען ביז גאָר רירנדיק — שרײַבט י. לודען — דאָס געזאַנג פֿון דער בונדישער „שבֿועה", געזונגען פֿון די פֿאַרזאַמלטע בײַ די קבֿרים פֿון די אומגעקומענע בונדיסטן אויפֿן פֿאַראייניזאַמטן וואַרשעווער ייִדישן בית־עולם, אין נאָוועמבער 1997.

יובֿילײַ פֿײַערונגען, מיט קאָנפֿערענצן און קאָנצערטן, זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ סך שטעט פֿון דער גאָרער וועלט, אַרײַנגערעכנט ניו־יאָרק, תּל אָבֿיבֿ, לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, מאָנטרעאָל, בוענאָס־אײַרעס.

# ייִדישע מוזיק אין דײַטשלאַנד — אַ מאָדנע זאַך?

(אַ מעשה וועגן כּלי־זמרים אין אַ לאַנד, וואָס האָט פֿאַרלאָרן זײַן פֿאָלקלאָר)

אהרון עקשטאַדט

מ׳זאָגט אַז אויב מ׳וויל האָבן פּרנסה פֿון ייִדישער מוזיק, דאַרף מען וווינען צי אין ניו־יאָרק צי אין בערלין. און דאָס איז טאַקע אמת: „כּלי־זמר" און ייִדישע לידער זײַנען זייער באַליבט אין דײַטשלאַנד. זיי זײַנען באַליבט דער עיקר צווישן נישט־ייִדן. ס׳איז דאָ אַ קלאָץ־קשיא בײַ די דײַטשישע ייִדן וואָס פֿרעגט וועגן דעם אונטערשייד צווישן די ייִדן און די דײַטשן. דער ענטפֿער איז: די דײַטשן האָבן ליב כּלי־זמר מוזיק. אָבער פֿאַרוואָס? כּדי ענטפֿערן אויף דעם, דאַרף מען נעענטער אַ קוק טאָן אויף דער געשיכטע פֿון ייִדישער מוזיק אין דײַטשלאַנד.

די טראַדיציע פֿון כּלי־זמר מוזיק איז אין דײַטשלאַנד עטלעכע הונדערט יאָר אַלט. אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך מיסד געווען ייִדישע „כּלי־זמר־גילדעך". שוין אין 16טן יאָרהונדערט זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן זאַמלונגען פֿון דײַטש־ייִדישע פֿאָלקסלידער און מ׳געפֿינט טעקסטן פֿון פּורים־שפּילן וואָס שטאַמען פֿון אָנהייב 18טן יאָרהונדערט. דאָך פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט זײַנען מער ניט געווען קיין בדחנים און לצים, זיי זײַנען פֿאַרשוווּנדן אויף בערך 170 יאָר.

אין 1917 באַווײַזט זיך אַן ערשטער סימן אַז ייִדישע מוזיק ווערט אויפֿגעלעבט אין דײַטשלאַנד. די ייִדן, וואָס האָבן געדינט אין דער דײַטשישער אַרמיי, זײַנען געקומען אַהיים. בעת דער מלחמה, האָבן זיי

אין פוילן און רוסלאַנד צום ערשטן מאָל געהאַט קאָנטאַקטן מיט „אמתער", מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט. דאָס האָט אויף זיי געמאַכט אַ גרויסן רושם. אַרנאָלד צווײַג גיט אַרויס אין 1920 "Das ostjüdische Antlitz" („דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע פּנים"). מ'הייבט אָן פאַרנעמען זיך מיט ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און מוזיק. די באַרימטע בערלינער געלערנטע, אַרנאָ נאַדעל (מוזיק־פאָרשער) און פריץ מרדכי קאַופמאַן (שפּראַך־פאָרשער) פאַרעפנטלעכן אין בערלין זאַמלונגען פון ייִדישע לידער.

נאָכן חורבן איז כמעט קיינער ניט פאַרבליבן, ווער עס זאָל קענען ממשיך זײַן. בלויז עטלעכע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס זײַנען געווען אין די „די־פּי־לאַגערן" און פאַרבליבן אין דײַטשלאַנד, האָבן געקענט ווײַטער פירן די טראַדיציע. דאָ און דאָרטן זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָנצערטן. אַחוץ דעם, זײַנען געבליבן געציילטע דײַטשישע ייִדן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעהויבן זינגען ייִדישע לידער פאַר דער מלחמה: לין ילדתי, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַן אַמסטערדאַמער ספרדישער משפּחה, איז געוואָרן אין בערלין די „גרויסע אַלטע דאַמע" פון ייִדישן ליד.

1968 איז געווען דאָס יאָר ווען די דײַטשישע סטודענטן האָבן געבונטעוועט. אַ נײַער פּאָליטישער דור האָט געזוכט ראַדיקאַל נײַע אידעאַלן. עטלעכע „בונטאַרן" האָבן אויך געזוכט אַ נײַעם פאָלקלאָר, ניט דעם באַקאַנטן דײַטשישן, וועלכן די נאַציס האָבן געהאַט אָפט גענוצט אין זייער פּראָפּאַגאַנדע. אין די יאָרן פונעם „דריטן רײַך" האָט מען געשעפּט און געשעפּט פון דער דײַטשישער פאָלקסקולטור, ביז מ'האָט זי אינגאַנצן פאַרביטן אויף אַ נאַציסטישער, פאַשיסטישער קולטור. נאָך 1936 האָט שוין מער קיין פרײַע מוזיק־טעטיקייט נישט עקזיסטירט, בפרט צווישן דער יוגנט, ווײַל אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זײַנען געווען „אויסגעגלײַכט" אין דער היטלער־יוגנט. מען האָט געזונגען די אַלטע פאָלקסלידער און זיי געגעבן אַ נײַעם טײַטש, ווײַל די אַלטע לידער זײַנען געווען אַ סך באַרימטער איידער די נײַע נאַצי־לידער. צומאָל פלעגט מען פאַרענדערן אַ קליין ביסל טעקסט, אויב די ווערטער האָבן נישט אָפּגעשפּיגלט די נאַציסטישע אידעאָלאָגיע. אַפילו די לידער פון די „פּפאַדפינדער" (באָי־סקאַוטן) האָט מען אָן גרויסע שוועריקייטן אַרײַנגענומען אין דעם רעפּערטואַר פון היטלער־יוגנט.

נאָך דער מלחמה, האָט מען פּשוט ווידער אויפגעשטעלט די אַלטע ווערטער און פונסנײַ געזונגען דעם פריִערדיקן נוסח. אָדער מענטשן האָבן נישט געוווּסט וועגן דעם און ווײַטער געזונגען די לידער, פּונקט אַזוי ווי זיי זײַנען געווען אין דער נאַצי־צײַט. און בכלל — קיין סך האָט מען וועגן דעם נישט געטראַכט.

אין 1968 אָבער האָט אַ טייל פון דעם יונגן דור געזוכט אַן אַנדער פאָלקלאָר, אַזאַ וואָס זאָל נישט זײַן אַסאָציִירט מיט די נאַציס. זיי האָבן

אָנגעהויבן זינגען פֿאָלקסלידער פֿון אַלע לענדער, שפּעטער האָבן זיי געפֿונען דײַטשישע לידער פֿון מיטלעלטער און רעוואָלוציאָנערע לידער. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ נײַע „פֿאָלקלאָר־באַוועגונג" וועלכע האָט פּאָליטיזירט די לידער און איז געווען נאָענט צום ענגלישן און אַמעריקאַנישן folk-revival, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט וודי גאַטרי (Woody Guthrie). די „פֿאָלקלאָר־באַוועגונג" איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פֿון Singbewegung, „געזאַנג־באַוועגונג", און bündischer Jugend, באָי־סקאַוטן, פֿון פֿאַר דער נאַצישער צײַט.

צווישן די יאָרן 1959 און 1969, בעת די יערלעכע פֿעסטיוואַלן אין אַ שלאָס אין וואַלדעק, האָבן די יונגע מענטשן פֿון דער „פֿאָלקלאָר־באַוועגונג" פֿאַר זיך אַנטפּלעקט נאָך איין מין פֿאָלקלאָר. אין ערשטן יאָר האָט פּעטער ראָלאַנד (Peter Rohland) געזונגען ייִדישע לידער וועלכע ער פֿלעגט הערן אין זײַן טאַטנס קראָם פֿון Viehjuden, ייִדישע בהמות־האָדעווער. אַלע זײַנען געווען באַגײַסטערט, מחמת זיי האָבן נישט געקענט אַזאַ מוזיק. אַזוי אַרום האָט פּעטער ראָלאַנד איניציִירט דעם אינטערעס. בײַם צוגרייטן זײַן ערשטע ייִדישע פּראָגראַם אין 1963 האָט ער זיך אַ סך געלערנט, בפֿרט האָט ער אויסגעלערנט די ייִדישע שפּראַך.

אַדאַנק ראָלאַנדס איניציאַטיוו האָבן זיך אַ צאָל זינגער פֿאַר־אינטערעסירט מיט ייִדישער מוזיק און זי אַרײַנגענומען אין זייער רעפּערטואַר. דאָך האָט בלויז די גרופּע Zupfgeigenhansel, וואָס האָט אויך געפֿאָרשט אַ סך אַלטע דײַטשישע פֿאָלקסלידער, באַקענט דעם ברייטן עולם מיט ייִדישע לידער. אין 1979 איז אַרויס זייער דיסק „כ'האָב געהערט זאָגן", וועלכער איז צעקויפֿט געוואָרן אין אַ מיליאָן קאָפּיעס. ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם דערפֿאָלג, הייבן אָן אַ סך מוזיקאַנטן שפּילן ייִדישע לידער.

„קינדערלעך" פֿון דאָרטמונד איז בלויז איין גרופּע צווישן אַ גרויסער צאָל אַנדערע, און זיי שפּילן שוין אין משך פֿון אַכצן יאָר. „פֿון מויל צו מויל" האָט געהייסן זייער קאַסעטע: דער נאָמען האָט געדאַרפֿט אונטערשטרײַכן אַז דאָס איז געווען מוזיק וואָס מ'האָט געהאַט געלערנט פֿון מויל צו מויל, דאָס הייסט — אַן אמתע פֿאָלקסמוזיק. די „קינדערלעך" זײַנען נישט געווען קיין פּראָפֿעסיאָנעלע כּלי־זמרים, זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַלס גאַס־מוזיקאַנטן. קיין קאָנצערטן, ווי עס וואָלט געווען הײַנטצוטאָג, האָבן זיי נישט געהאַט. פֿאַר זיי איז בעצם געווען וויכטיק צו זײַן צוזאַמען מיט מענטשן וועלכע האָבן זיך אויך אינטערעסירט מיט אַזאַ מוזיק. זיי האָבן געשפּילט פֿריילעכע לידער, אָפּטמאָל חתונה־לידער. אויף ייִדישע חתונות האָבן זיי אויכעט געשפּילט, ווײַל קיין ייִדישע מוזיקער זײַנען נישט געווען.

די „קינדערלעך" זײַנען געווען זייער פּאַציפֿיסטיש: ס'רוב פֿון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַזוינגערופֿענער „פֿרידנסבאַוועגונג".

עטלעכע פון זיי זײַנען געווען זייער לינק=געשטימט. און ייִדישע לידער זײַנען פֿאַר זיי געווען לידער פון אַ פֿאָלק וואָס האָט נישט געפירט קיין מלחמות. זיי האָבן געזונגען קעגן אַלע מינים דיסקרימינאַציע און שינאה. די ייִדישע מוזיק האָט פֿאַר זיי געהאַט אַ סימבאָלישן באַטײַט, און אַזעלכע זײַנען געווען די ניגונים וואָס זיי האָבן געשפּילט: לידער פון געטאָס און לאַגערן, פון דעם בונד און דער אַרבעטער=באַוועגונג.

הײַנט דערמאָנט מען זיך מיט אַ שמייכל וועגן דער דאָזיקער תקופה, אָבער Zupfgeigenhansel און אַזעלכע ווי זיי (אַרײַנגערעכנט די מוזיקער פון ייִדישער אָפּשטאַמונג) האָבן נישט זייער גוט געוווּסט ווי ס׳מוז קלינגען ייִדישע מוזיק. דערפֿאַר האָבן זיי צומאָל געשפּילט אין אַ ציגײַנערשן נוסח, ווי דיאַנגאָ רײַנהאַרדץ (Django Reinhardts). קיין „אמתע" כלי=זמרים און קיין אַלטע דיסקן האָבן זיי אינגאַנצן נישט געהערט, אַחוץ עטלעכע געציילטע לידער. און קיין ייִדיש האָבן זיי אויך נישט געקענט. אָבער זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט די טעקסטן און די מעלאָדיעס, וואָס זײַנען געווען אַנדערש איידער די דײַטשישע פֿאָלקסמוזיק. ייִדישע לידער האָבן אָנגערירט עפּעס אַ סטרונע אין די געפילן זייערע, פֿאַר אַ סך פון זיי איז זי געוואָרן די וויכטיקסטע מוזיק פון זייער יוגנט.

די ייִדישע לידער האָבן באַאײַנפלוסט דעם יונגן דור פון 1968. דעמאָלט, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, האָבן זיך מיט ייִדישער מוזיק באַקענט די וואָס זײַנען איצט „וועטעראַנען" צווישן די כלי=זמרים אין דײַטשלאַנד. אייניקע פון זיי זײַנען געוואָרן פֿאָרשער: זיי האָבן אָנגעהויבן זאַמלען לידער, וואָס עלטערע מזרח=איראָפּעיִשע ייִדן האָבן געדענקט. אין די זעכציקער יאָרן זײַנען אין דײַטשלאַנד אַרויס עטלעכע לידער=ביכער און אויך אַ גרויסע זאַמלונג פון מרדכי געבירטיגס לידער.

די זיבעציקער יאָרן זײַנען געווען די צײַט, ווען די יוגנט פון 1968 האָט צום ערשטן מאָל געפֿרעגט זייערע טאַטע=מאַמעס און זיידע=באָבעס וועגן דעם וואָס יענע האָבן געטאָן אין די יאָרן 1933-1945. די וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן בעת דער מלחמה אָדער נאָך דער מלחמה האָבן זיך נישט געפֿילט שולדיק, אָבער די פֿראַגעס האָבן זיי געשטעלט זייער שטרענג. זיי האָבן געוואָלט וויסן אַלצדינג און זיך קעגנשטעלן דער צײַט — ס׳זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן און זיך מער קיינמאָל נישט איבערחזרן. אָבער ס׳איז געווען שווער עפּעס אויסצוגעפינען פונעם עלטערן דור וועגן דעם חורבן. די ייִדישע מוזיק אַליין איז געווען אַ וועג צו באַשעפטיקן זיך מיט דער פֿאַרגאַנגענהײַט. גלײַכצײַטיק האָבן אַ צאָל מענטשן זיך פֿאַראייניקט אין „ייִדיש=קריסטלעכער געמיינשאַפֿט". פֿאַר זיי איז ייִדישע קולטור געווען די „פֿאַרשוווּנדענע קולטור" פונעם שטעטל, אַ מין ראָמאַנטישקײַט פון שלום=עליכמס טביה דעם מילכיקן — מיט דעם איז געווען פֿאַרבונדן זייער „ראָמאַנטישע" ליבע צו דער מוזיק פון די מזרח=איראָפּעיִשע ייִדן.

דערנאָך איז געקומען אַ צײַט, ווען מע האָט געשפּילט ווייניקער. נאָר אַ פּאָר יונגע פֿאָלקסליד־שפּילער האָבן זיך ממשיך געווען און שוין געשפּילט מיט אַ טעם פֿון כּלי־זמר. שפּעטער, אין די 1980ער, איז געקומען גיורא פֿיידמאַן, און זײַנע קאָנצערטן האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקן דערפֿאָלג אין דײַטשלאַנד. זײַנע דיסקן זײַנען אַרויס אינעם זעלביקן פֿאַרלאַג וואָס האָט דעמאָלט פּראָדוצירט Zupfgeigenhansel. כאָטש פֿיידמאַן האָט ווייניק געהאַלטן פֿון טראַדיציע און אויטענטישקייט, האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פּאָפּולאַריזירן כּלי־זמר מוזיק אין דײַטשלאַנד. כּמעט אַלע פֿונעם יינגערן דור כּלי־זמרים האָבן זיך באַקענט איינער מיטן צווייטן אַדאַנק אים.

אַחוץ גיורא פֿיידמאַן, האָבן אַ שטאַרקן אימפּולס געגעבן די בערלינער גאַסטראָלן פֿון די גרופּעס פֿונעם אַמעריקאַמער "Klezmatics - "Revival, Brave Old World און Epstein Brothers. פֿיידמאַן און Brave Old World האָבן אָרגאַניזירט קורסן אין גאַנץ דײַטשלאַנד. ווי אַ רעזולטאַט, האָבן זיך אין די לעצטע צען יאָר באַוויזן אַן אַ שיער נײַע כּלי־זמר גרופּעס. יעדע גרעסערע שטאָט האָט עטלעכע גרופּעס און מער ווי אַ טוץ זײַנען טעטיק אין בערלין, וואָס איז דער צענטער פֿון כּלי־זמר מוזיק אין דײַטשלאַנד.

די מוזיקער זײַנען געוויינלעך דײַטשן, כאָטש ס'זײַנען אויך פֿאַראַן יידן, ווי למשל ילדה רעבלינג פֿון בערלין, די קלאַרנעטיסטקע אירית גאַבריעלי וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ישׂראל, און די זינגערין רות באַגוסלאַווסקי פֿון סאַארבריקען. ווי די יונגע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן כּלי־זמר מוזיק — די חתונה־מוזיק פֿונעם דור פֿון זייערע זיידעס, געפֿינען — דורך דער מוזיק — די הײַנטיקע דײַטשישע יידן אַ וועג צו זייער טראַדיציע. אָבער פֿאַר זיי איז עס געווען נאָך שווערער ווי פֿאַר די אַמעריקאַנער, ווײַל קיין יידישע קולטור אין דײַטשלאַנד איז פּראַקטיש נישט געווען זינט דעם חורבן. אַ סך יידן, וואָס וווינען איצט אין דײַטשלאַנד, האָבן אימיגרירט פֿון דעם געוועזענעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זיי האָבן אויך כּמעט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט דער טראַדיציע, און באַקענען זיך ערשטנס אין דײַטשלאַנד מיט דער יידישער מוזיק. איצט זײַנען דאָ אַ סך כּלי־זמר גרופּעס וואָס זיי האָבן געשאַפֿן.

וואָס שייך דער קוואַליטעט, איז פֿאַראַן אַלצדינג: יידישע לידער וואָס ווערן געשפּילט לויט אַן אויטענטישן שטייגער; מאָדערניזירטע ווערסיעס באַזירט אויף טיפֿע קענטעניש פֿון דער טראַדיציאָנעלער מוזיק; אָבער אויך אַ סך טאַנדעט, און שונד, און קיטש. אַפֿילו פֿאַלשע חסידים וואָס זינגען און טאַנצן אויף די בינעס! און אַ סך סתּם עם־הארצות. אייניקע „כּלי־זמרים" ווייסן אַפֿילו נישט אַז יידיש ווערט געשריבן מיט יידישע אותיות . . . גלײַכצײַטיק זײַנען פֿאַראַן מענטשן וואָס פֿאַרנעמען זיך זייער ערנסט מיט יידישער מוזיק. זיי האָבן שוין

אַרויסגעגעבן עטלעכע דיסקן און רעקאָרדירן נײַע זאַמלונגען. אין האַנאָווער, בערלין, דאָרטמונד און דויסבורג זײַנען דאָ אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן, וווּ מ׳פֿאָרשט ייִדישע מוזיק. ס׳איז אויך וויכטיק אַז אין דײַטשלאַנד קען מען זיך הײַנט לערנען אין די קלאַסן מיט וועלכע עס פֿירן אָן קוואַליפֿיצירטע לערער פֿון אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

אַז מ׳פֿרעגט הײַנט, פֿאַרוואָס מען שפּילט ייִדישע מוזיק, ענטפֿערט מען אַז זי טראָגט מיט זיך וואַרעמקייט, ווי אויך דאָס לאַכן און דאָס וויינען. אָבער פֿאַר דײַטשן טראָגט עס נאָך עפּעס — אַ 16־יאָריקע שילערין שרײַבט נאָך אַ קאָנצערט: „ס׳איז געווען גלײַך ווי איך וואָלט געווען אין אַ פֿרעמדן לאַנד. כ׳האָב נישט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, נאָר איך האָב זיך געפֿילט היימיש". און ווער עס טוט אַ פּרוּוו און הערט זיך אײַן, פֿאַרשטייט אַ היפּשן טייל פֿונעם טעקסט.

אַ סך יונגע דײַטשישע ייִדן האָבן אַפֿילו ניט געוווּסט אַז דאָס וואָס זיי האָבן יאָ געקענט דערקענען איז געווען ייִדיש. זיי האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וווּ עס „פֿאַרענדיקט זיך" דײַטש און וווּ עס „הייבט זיך אָן" ייִדיש. איצט ווייסן זיי דאָס און הייבן אָן צו פֿאַרשטיין מער וועגן ייִדישער טראַדיציע. יאָהאַנעס שאָפּ פֿון דער גרופּע „קינדערלעך" זאָגט: „דאָס ייִדישע ליד און די מוזיק זײַנען געוואָרן אַ טייל פֿון מײַן נשמה". אַ פּאָר דײַטשישע מוזיקער, ווי דניאל קעמפּין און לוין אליהם, וואָס זײַנען ייִדן אָבער האָבן נישט געוווּסט דערפֿון ווײַל זיי זײַנען דערצויגן געוואָרן אין קריסטלעכער טראַדיציע, האָבן אַדאַנק דער מוזיק ווידער אַנטדעקט די אייגענע אמונה.

און צום סוף — אַ מאָדנע אָבער טיפּישע מעשׂה וועגן אַ מיידל, וואָס איז עולה געווען פֿון אונגאַרן. אין ירושלים האָט זי שטודירט ייִדישקייט. אין אַ צײַט אַרום איז זי געפֿאָרן צו גאַסט קיין בודאַפּעשט, וווּ זי האָט פֿון די עלטערן באַקומען אַ מתּנה — אַ טאַשמע מיט ייִדישע לידער וואָס זײַנען געווען די לידער פֿון איר באָבען. געזונגען האָט די לידער לוין אליהם . . .

# גאַליציאַנער גליקן: צו דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער־לעבן אין ווין

בריגיטע דאַלינגער
טאָמאַס סאָקסבערגער

ווי כמעט יעדע שטאָט מיט אַ גרעסערער ייִדישער באַפֿעלקערונג, איז אויך ווין געווען אַ מקום פֿאַרן ייִדישן טעאַטער, און ווי אין אַנדערע ערטער, איז אַפֿילו דער פֿאַקט פֿון זײַן אַמאָליקער עקזיסטענץ כמעט אינגאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן. פֿאַר דעם זײַנען פֿאַראַן אַ סך סיבות. צווישן די פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן געפֿירט צו אַ מאַנגל אין אינטערעס, דאַרף מען אויך דערמאָנען, אַז דאָס פֿאָרשן דעם ייִדישן טעאַטער איז ניט פֿון די סאַמע פּשוטע זאַכן. אַ סך פֿון די שייכדיקע צו זײַן געשיכטע מאַטעריאַלן זײַנען צעשאָטן אין אַרכיוון איבער דער האַלבער וועלט, מען דאַרף מאַכן אויספֿירן פֿון זייער פֿאַרשיידענע מינים קוואַלן, ווי זכרונות, אַרטיקלען, רעצענזיעס, וואָס זײַנען אָפּטמאָל שווער צו באַקומען. אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט באַלוינט די אַרבעט דעם פֿאָרשער מיט אינטערעסאַנטע און איבערראַשנדיקע דערקענטענישן.

דער דאָזיקער אַרטיקל וועגן דעם ייִדישן טעאַטער אין ווין איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ געמיינזאַמער אַרבעט. די פֿאָרשונג איבער דעם ענין איז געמאַכט געוואָרן פֿון דער יונגער ווינער פֿאָרשערין בריגיטע דאַלינגער, וואָס האָט געאַרבעט יאָרנלאַנג כּדי צו באַקומען דעם טיטל

פון מאַגיסטער און דערנאָך פון דאָקטער אויפן געביט פון טעאַטער־
וויסנשאַפט. ביז איצט האָט זי אָנגעשריבן צוויי גרעסערע אַרבעטן:
Jüdisches Theater in Wien. Diplomarbeit, Wien 1991[1] און
"Verloschene Sterne". Leben des jüdischen Theaters in Wien.
Dissertation, Wien 1995[2].

די איבערזעצונג און באַאַרבעטונג פון אירס אַן אַרטיקל, וואָס ברענגט בקיצור די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פאָרשונג, איז געמאַכט פון טאָמאַס סאָקסבערגער.

1 דאָ ווײַטער ציטירט ווי: דאַלינגער 1991.

2 דאָ ווײַטער: דאַלינגער, 1995.

## די אָנהייבן

ווען די אָנהייבן פונעם ייִדישן טעאַטער אין ווין זײַנען פאַראַן מערער לעגענדעס, איידער טרוקענע פאַקטן. דערפאַר איז ניט מעגלעך צו געבן אַ גענוי בילד פון זײַנע ערשטע יאָרצענדליקער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר ווייסן אָבער, אַז דעם 11טן דעצעמבער 1880 האָט די טרופּע פון משה הורוויץ געשטעלט אַ פּיעסע, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „דער דיבוק", אין איינעם פון די גרעסערע ווינער טעאַטערס, דעם „רינג־טעאַטער". קיין גרויסן דערפאָלג האָט זי ניט געהאַט, און דעם ספּעקטאַקל האָט מען זייער גיך אַראָפּגענומען פון דער בינע. מיר ווייסן ניט פאַרוואָס. אָבער די קריטיקער פון עטלעכע גרויסע ווינער צײַטונגען האָבן שטאַרק קריטיקירט די פּיעסע, טענהנדיק אַז זי ווערט געשפּילט אויף דעם ייִדישן „זשאַרגאָן". דער פינאַנציעלער דערפאָלג איז אַפּנים געווען מעסיק, און די טרופּע איז אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקגעפאָרן, באַגלייט מיט גוטע עצות פון אירע ווינער „פּאַרגינערס", וואָס האָבן אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז אַזאַ זשאַרגאָנישן טעאַטער דאַרף מען אפשר אין פּוילן, וווּ ער קען ווירקן דערציִעריש אויף די אומגעבילדעטע מאַסן, אָבער ניט אין דער גרויסער טעאַטער־שטאָט ווין.

ווען אַן ענלעכער מעשה ווייסן מיר, אַז זי האָט פּאַסירט אין 1890, ווען די טרופּע פון בנימין טרייטלער, קאָמענדיק פון לעמבערג, האָט געוואָלט שטעלן גאָלדפאַדענס „שולמית" אויף איינער פון די גרויסע ווינער בינעס, אינעם קאַרל־טעאַטער. ווי עס האָט זיך געפירט דעמאָלטיקע צײַטן, האָט מען געדאַרפט די הסכמה פון דער צענזור. האָבן די צענזור־באַאַמטע אַפּנים ניט געוווּסט, ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיטן ייִדישן טעקסט פון דער פּיעסע און אים געשיקט אין דער ייִדישער קהילה, דער „איסראַעליטישער קולטוסגעמײַנדע". פון דאָרטן איז געקומען אַן ענטפער, אַז דאָ גייט אַ רייד ווען אַ פּיעסע אויף זשאַרגאָן, און עס איז ניט קיין געוווּנטשענע זאַך, אַז ייִדן זאָלן גיין אויף אַזאַ מין פאַרווײַלונג. און דערצו איז דאָ אַ סכנה אַז די פּיעסע קען

פּראָוואָצירן די אַנטיסעמיטן. דער סוף איז געווען אַז די צענזור האָט טאַקע פֿאַרבאָטן צו שטעלן די פּיעסע.[3]

כאָטש דאָס איז געווען ניט קיין אַלגעמיינע גזירה אויפֿן ייִדישן טעאַטער אין ווין, און אַזוינס איז (להיפּוך צו רוסלאַנד) אין עסטרײַך קיינמאָל ניט געווען, האָבן זיך פֿון דעמאָלט אָן קיין ייִדישע טרופּעס מער ניט באַוויזן אויף גרויסע ווינער בינעס.[4] אַפּנים זײַנען פֿאַר דעם געווען פֿאַרשיידענע סיבות. פֿון איין זײַט איז דאָ געווען אַ קעגנערשאַפֿט פֿון אַסימילאַטאָרן און אַנטיסעמיטן, ביוראָקראַטן און שטרענגע צענזאָרן, דערצו האָבן געשפּילט אַ ראָלע די באַגרענעצטע עקאָנאָמישע מעגלעכקײַטן פֿון די וואַנדערנדיקע טרופּעס, וועלכע מ׳האָט ניט דערלויבט צו דינגען גרעסערע בינעס פֿאַר גאַסטראָלן.

ס׳איז קיין חידוש ניט, אַז אַזוי אַרום איז דער ייִדישער טעאַטער פֿאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן אַ דערשײַנונג פֿון אַ סובקולטור, וואָס האָט באַפֿרידיקט די באַדערפֿענישן נאָך פֿאַרווײַלונג פֿון די מער אָרעמע שיכטן פֿון דער ווינער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט דערעיקרשט געוווינט אינעם צווייטן ווינער באַצירק, לעאָפּאָלדשטאַדט. דאָרט האָבן זיך באַוויזן די טרופּעס פֿון גאַליציע און רוסיש־פּוילן אין גאַסטהײַזער און וואַריעטע־טעאַטערס. מיר ווייסן, למשל, אַז דער אַזױגערופֿענער „לעאָפּאָלדשעדטער פֿאָלקס־אָרפּעום" איז פֿון 1901 געוואָרן אַ באַשטענדיק אָרט פֿאַר גאַסטראָלן פֿון ייִדישע טרופּעס.[5]

כדי צו באַקומען אַ בילד פֿון דעם, אונטער וואָסערע באַדינגונגען עס האָט געשפּילט דער ייִדישער טעאַטער אין ווין, לאָמיר ציטירן פֿון אברהם רייזענס זכרונות, ווו ער שרײַבט, אַז ער איז געווען זייער דערשטוינט צו געפֿינען גראָד אין ווין, אין 1904, אַ ייִדישן טעאַטער, ווי ער האָט אים געהאַט אַ געלעגנהײַט צו זען דאָס לעצטע מאָל אין וואַרשע אין 1899, אײדער ער איז פֿאַרבאָטן געוואָרן דורך דער צאַריסטישער מאַכט.

> און אָט אין פֿינף יאָר אַרום איז מיר געווען באַשערט צו אויסגעפֿינען אין ווין שיר ניט דאָס זעלבע ייִדישע טעאַטער . . . [ער] האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון דעם רעסטאָראַן — „עדעלהאָף" . . .
>
> האָט מען אָבער געשפּילט שוין ניט גאָלדפֿאַדענס, נאָר לאַטיינערס צי שאַרקאַנסקיס און הורוויצעס . . . איך געדענק נאָר, אַז אין דער ערשטער אָפּערע האָבן צוויי אַקטיאָרן גע־שפּילט די ראָלע פֿון אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן געפּײַניקט דאָרט די איבעריקע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געזאָלט זײַן שפּאַנישע ייִדן. פֿאַראײנוועגס האָבן זיי שוין אויך מיך געפּײַניקט מיטן טעקסט . . . הגם שפּילן האָבן זיי געשפּילט מיט גרויס טאַלאַנט. בפֿרט האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט אַ פּאָרפֿאָלק — קאַנער, איבער־הויפּט אין קאָמישע ראָלן — און צום גליק האָבן זיי גע־

3 זעגן די דאָזיקע אָנהייבן און די שוועריקײַטן פֿון דער פֿאָרשונג זען דאַלינגער 1995, ז. 15 און ווײַטער.

4 זעגן אַן אָפֿיציעלן פֿאַרבאָט שרײַבט יעקב מעסטעל אין זײַן בוך „אונדזער טעאַטער" (ניו־יאָרק 1943), ז. 66. קיין באַווײַז פֿאַר דעם איז ניט פֿאַראַן.

5 דאַלינגער 1991, ז. 43 און ווײַטער, און דאַלינגער 1995, ז. 21 און ווײַטער.

> שפּילט די לײַכטערע ראָלן, די משרתים, נו איז געווען פריילעך . . . סײַ מיט זייער זינגען, סײַ מיט זייער טאַנצן . . .
>
> ווער רעדט, אַז אין דער זעלבער צײַט, ווען די קאָנערס האָבן אַמוזירט און אַנטציקט מיט זייער שפּילן, זינגען און טאַנצן, האָט מען אין „עדעלהאָף" אויך געקענט קריגן אַ גלאָז ביר, איז אַוודאי די פרייד פון דעם עולם און פון מיר אויך בתוכם — געווען אומבאַשרײַבלעך . . .[6]

6 אברהם רייזען, „עפּיזאָדן פון מײַן לעבן" (ווילנע 1929), ב. II, ז. 286. „עדעלהאָף" איז דער רעסטאָראַן פון מאַריץ עדעלהאָפער. ער האָט פון 1901 געהאַט אַ קאָנצעסיע פאַר יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען דאָס דערמאָנטע Leopoldstädter Volksorpheum.

אברהם רייזען האָט געזען דעם יידישן טעאַטער, ווען יענער איז געווען אין זײַנע ווינער אָנהייב־יאָרן און האָט זיך ערשט געשאַפן ווי אַ באַשטענדיקע אינסטיטוציע. פון 1908 האָט אין ווין געשפּילט אַ פעסטע טרופּע אַקטיאָרן, אונטער מאָרים סיגלער ווי אַ דירעקטאָר: די „יודישע בינע", וואָס האָט עקזיסטירט ביז 1938. אין משך פון די יאָרן האָט די טרופּע געדונגען פאַרשיידענע שפּיל־ערטער. פון 1915 איז דער דירעקטאָר געווען שולים (שלום) פאָדזשאַמצע, וואָס איז געבליבן אויף דער שטעלע ביז 1938, ווען די דײַטשישע אָקופּאַציע האָט אים און די משפּחה געטריבן אין עמיגראַציע.

דאָס, וואָס מען האָט רייזענען, און זיכער אויך אַנדערע וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַ בעסערן טעאַטער, אַזוי „געפּײַניקט" מיטן טעקסט, דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די טרופּע האָט געשטעלט נאָר „איינאַקטערס". הייסט עס, אַז מען האָט איבערגעמאַכט די טעקסטן פון אַלע פּיעסעס, כדי זיי צו שטעלן ווי איינאַקטערס, וואָס זײַנען געווען צוגעפּאַסט צו די מעגלעכקײַטן, וואָס די טרופּע האָט געהאַט. דער רעפּערטואַר און אויך דער אופן פון שפּילן האָט זיך ערשט געביטן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס געביטן די באַדינגונגען פונעם יידישן לעבן אין ווין בכלל און פון דער יידישער קולטור בפרט. אַ וויכטיקער פאַקטאָר זײַנען געווען די צענדליקער טויזנטער יידישע מלחמה־פּליטים פון גאַליציע.

צווישן די ביידע וועלט־מלחמות האָט זיך די יידישע בינע אַנטוויקלט און איז געוואָרן אַ וויכטיקע אינסטיטוציע פון קולטור־לעבן אויף יידיש אין ווין. די יידישע קולטור אין ווין האָט אויך דעמאָלט געהאַט צו טאָן מיט די זעלבע דערשײַנונגען, וואָס מיט עטלעכע יאָרצענדליקער פריִער, און וואָס האָבן שטאַרק געשטערט איר אַנטוויקלונג. דאָס זײַנען געווען די שוין דערמאָנטע אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און די מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אין דער ערשטער עסטרײַכישער רעפּובליק געוואָרן אומגעהײַער שטאַרקער. די אַנטיסעמיטן האָבן אויס־גענוצט דעם פאַקט, אַז אין ווין זײַנען בעת דער מלחמה אָנגעקומען צענדלינגער טויזנטער גאַליציאַנער יידן, כדי אַרויסצושטעלן די יידן ווי אַ „פרעמדן עלעמענט" אין דער שטאָט און זיי באַשולדיקן אין אַלצדינג וואָס איז באמת געווען דער רעזולטאַט פון דער שרעקלעכער מלחמה

— ווי דער הונגער, דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער און גייסטיקער קריזיס.

מען מוז אויך זאָגן, אַז צווישן די ווינער יידישע אַסימילאַטאָרן איז אויך געווען אָנגענומען אַ מיינונג, אַז די גאַליציאַנער, וואָס רעדן טיילמאָל נאָר יידיש און גייען אַרום אין אַלטפרענקישע קליידער, זיינען אין אַ געוויסער מאָס אַליין שולדיק אינעם אַנטיסעמיטיזם, צום הייניקסטן וואָלטן זיי זיך גענדאַרפט ווינציקער וואַרפן אין די אויגן פון די ווינער תושבים. מען האָט געהאָלפן מיט אַ סך פילאַנטראָפּיע, אָבער ווייניק וואָס פאַרשטאַנען די פּראָבלעמען פון די מזרחדיקע ברידער.

אין דייטשלאַנד און אויך אין ווין, זיינען אָבער אויך געווען יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון די אַזוי־גערופענע „אָסט־יודען". זיי האָבן אַנטדעקט דעם יידישן טעאַטער ווי אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. מען האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, צווישן סטודענטן, וואָס זיינען געווען באַווירקט פון נתן בירנבוימס יידישיזם און דער יידישער „נאַציאָנאַלער דערוואַכונג", אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם „ערנצטן טעאַטער".[7]

די צייט פאַר אַזאַ טעאַטער איז געקומען אין 1919, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די „פרייע יידישע פאָלקסבינע". דאָס האָבן געמאַכט עגאָן ברעכער, יצחק דייטש, יעקב מעססטעל און אַנדערע מיט דער הילף פון אַ פאַריין, וווּ עס האָבן זיך געפונען ספּאָנסאָרן וועלכע זיינען געווען גרייט צו געבן געלט אויף אַ יידישער בינע וואָס זאָל ווירדיק פאָר־שטעלן די יידישע קולטור. ניט געקוקט אויף דער פּאָזיטיווער אויפנעם און דעם דערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט, האָט די טרופּע זיך צעפאַלן אין 1923, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אין רומעניע.[8]

סיי וועגן דער „פאָלקסבינע", סיי וועגן דעם אָפּקלאַנג וואָס עס האָבן געהאַט די גאַסטראָלן פון אַמעריקאַנער אַקטיאָרן, ווי מאָלי פּיקאָן, מאָרים שוואַרץ און דער יידישער קונסט־טעאַטער, די ווילנער טרופּע און דער מאָסקווער גאָסעט, וואָלט געווען כדאַי צו שרייבן נאָך מערער. מיר ווילן זיך דאָ אָבער אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דער אַנטוויקלונג פונעם אָרטיקן יידישן טעאַטער. זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די „יידישע בינע" געשטעלט פון צייט צו צייט אייגענע פּיעסעס, ווו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַקטועלע טעמעס. דער סאַמע פּרוכטבאַרער מחבר פון אַזעלכע גיך־אָנגעשריבענע פּיעסעס איז געווען אַביש מייזעלס. ער האָט געשריבן קאָמעדיעס, וואָס האָבן געפונען די הסכמה פון דער צענזור צוליב זייער פּאַטריאָטישן אינהאַלט.

ווי פּרימיטיוו אָט דער יידישער טעאַטער זאָל ניט זיין געווען, האָט ער דאָך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. דאָ האָבן יידישע אַקטיאָרן, ווען זיי זיינען געקומען קיין ווין, געפונען אַ מעגלעכקייט פון (באַשיידענער) פּרנסה, און דער פּובליקום האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרווײַלן זיך מיט לאַנדסלייט.

7 מענדל נײַגרעשל, „יידישע ליטעראַטור און פּובליציסטיק אין ווין", אין „פון נאָענטן עבר" (ניו־יאָרק 1955), ז. 376.

8 דאַלינגער 1991, ז. 96 און ווייטער.

אין 1925 האָט דער ייִדישער אַקטיאָר מאַקס שטרענג געגרינדעט דעם „ייִדישן קינסטלער־קאַבאַרעט". זײַן רעפּערטואַר האָט אַרומגענומען די אַזוינגערופֿענע „זינגשפּילע" און אָפּערעטעס. ער האָט געהאַט אַ געוויסן דערפֿאָלג אין די ערשטע יאָרן. נאָכן טויט פֿון מאַקס שטרענג (אין 1928), וואָס איז געווען פֿונעם דור „פּיאָנערן" פֿון ייִדישן טעאַטער אין ווין, האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פֿון דעם דאָזיקן „קאַבאַרעט". די לעצטע ידיעות, אַז ער האָט נאָך געשפּילט, פֿאַרמאָגן מיר פֿון 1931.[9]

ברייטער איז געווען די פּראָגראַם פֿון די „ייִדישע קינסטלער־שפּילע", אַן אַנסאַמבל, וואָס האָט געהאַט אַ באַשטענדיקן שפּילאָרט אינעם צווייטן ווינער באַצירק, אויף פּראַטערשטראַסע 34 (הײַנט: נעסטראָי־פּלאַץ 1), און וואָס האָט געשפּילט פֿון 1927 ביז 1938.[10]

9 דאַלינגער 1991, ז. 123 און ווײַטער.

10 דאַלינגער 1991, ז. 132 און ווײַטער.

## אַביש מײַזעלס

אויף ביידע בינעס האָבן זיך באַוויזן פּיעסעס פֿון אַביש מײַזעלס, וואָס מיר האָבן וועגן אים שוין גערעדט פֿריִער. זײַן קאַריערע איז געווען אַ גאַנץ טיפּישע. אַביש מײַזעלס, געב. אין 1896 אין קוליקאָוו, ניט ווײַט פֿון לעמבערג, האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. אָבער עס האָט אים געצויגן צום טעאַטער. ער איז געווען אַ מיטגרינדער פֿון אַן אַמאַטאָרישער טרופּע אין טאַרנאָפּאָל, דעם „גאָרדין־קלוב", און אויך אַליין אויפֿגעטראָטן. אין 1914 איז ער געקומען קיין ווין מיטן שטראָם פּליטים פֿון גאַליציע. נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט ער אַ קורצע צײַט געאַרבעט אין ייִדישן טעאַטער אין לעמבערג, זיך אָבער באַלד ווידער אומגעקערט קיין ווין, וווּ ער איז געבליבן וווינען מיט דער משפּחה (זײַן פֿרוי קלאַראַ איז געווען אַן אַקטריסע פֿון ייִדישן טעאַטער) ביז מײַ 1938. מײַזעלס האָט געאַרבעט ווי אַ סופֿלאָר און זשורנאַליסט און צוגעשטעלט פּיעסעס פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. אין די זומער־חדשים פֿלעגן די מײַזעלס אַרויספֿאָרן מיט טרופּעס פֿון ווינער ייִדישע אַקטיאָרן אויף די טשעכישע און סלאָוואַקישע קוראָרטן. די דאָזיקע גאַסטראָלן זײַנען געווען אַ וויכטיקער טייל פֿון דער פּרנסה פֿאַר ווינער ייִדישע אַקטיאָרן, אָן די פֿאַרדינסטן, וואָס זיי האָבן דאָרטן געקענט האָבן אין די זומער־חדשים, וואָלט מסתּמא קיין ייִדיש טעאַטער אין ווין ניט געקענט עקזיסטירן.

די מײַזעלס האָבן אין 1938 עמיגרירט קיין פּראָג און דערנאָך קיין לאָנדאָן. דאָרטן זײַנען זיי ווײַטער געווען טעטיק אינעם ייִדישן טעאַטער. נאָך אין 1938 איז מײַזעלס אַ רעווי געשטעלט געוואָרן אין לאָנדאָן: „ייִדן פֿאָרן קיין ישׂראל".

## די רעווי „פון סעביסטאָוו ביז אַמעריקאַ".

אין פעברואַר 1927 איז אינעם ווינער „יודישעם קינסטלער־קאַבאַרעט" פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע פרעמיערע. ס'איז מיט גרויס דערפאָלג געשטעלט געוואָרן די ערשטע ייִדישע רעווי פון אַביש מײַזעלס.[11] די רעווי דערציילט די געשיכטע פון אַ ייִדישער משפחה, וואָס נעמט זיך אין וועג אַרײַן פונעם גאַליציאַנער שטעטל קיין אַמעריקע, ווײַל דאָרטן וואַרט אויף זיי מכלומרשט אַ גרויסע ירושה. ווי עס טרעפט מיט גאַליציאַנער — דאָס געלט און דאָס מזל סטײַען נאָר ביז מ'קומט קיין ווין. פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר פון דער רעווי האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײט, וואָס ליגט אינעם סיפּור־המעשה, כדי אַרויסצושטעלן פאַרשיידענע שטריכן פונעם ווינער לעבן און ווינער טיפּן אויף לײַטיש געלעכטער.

דאָס ערשטע, וואָס די גאַליציאַנער — דאָס זײַנען הערש, זײַן פרוי שיינדעלע, זייער טאָכטער רחל מיטן חתן אירן, שמוליק — מוזן געוואָר ווערן, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן צווישן אַ באַפעלקערונג פון אַנטיסעמיטן, אַחוץ געציילטע אויסנאַמען. אָבער אויך די ווינער קהילה און די גאַליציאַנער ייִדן גופא צייכנט מײַזעלס אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן. די גאַליציאַנער ווערן פאָרגעשטעלט ווי נאַיווע מענטשן, וואָס גייען צו צו די פּראָבלעמען מיט אַ מענטאַליטעט פון שטעטלדיקע ייִדן, מיט דינגען זיך, בעטן זיך און אַזוי ווײַטער, וואָס איז ניט צוגעפּאַסט צום לעבן פון דער גרויסער שטאָט.

די ערשטע בילדער פון דער רעווי ווײַזן דעם מצב אין דער אַלטער היים. די משפּחה באַקומט אַ בריוו, אַז אין קאַנאַדע וואַרט אויף איר אַ ירושה. מען פאַרקויפט אַלצדינג און פאָרט קיין ווין. דאָרטן, קוים ווי מען גייט אַרויס פונעם וואָקזאַל, הייבן זיך אָן נאָך גרעסערע צרות, ווי מען האָט שוין אָנגעטראָפן בעת דער נסיעה. די שוועריקײַטן פון שפּראַך דערפירן צו דעם, אַז די גאַליציאַנער ווערן אָפּגענאַרט און ווייסן אויך ניט, ווו צו געפינען זיך אַן אָרט כדי איבערצונעכטיקן.

אינעם פינפטן „בילד" באַווײַזט זיך דער מחבר אַליין פאַרן פאָרהאַנג אין דער ראָל פון „קאָנפעראַנסיע" און אַנטפּלעקט אַ ביסל סודות פון ייִדישן טעאַטער.

11 דער כתב־יד, אין אַ העפט, פאַרנעמט 101 זײַטלעך. ער געפינט זיך אין אַ. מײַזעלס אַרכיוו אין ייִוואָ אין ניו־יאָרק: „פון סעביסטאָוו ביז אַמעריקאַ", רעווי אין 15 בילדער פון אַ. מײַזעלס. ווין דעם 20 יאַנואַר 1927. YIVO Archives, Abisch Meisels Coll. RG. 428.

### פינפט בילד

(אין טעאַטער, פאַרן פאָרהאַנג)

קאָנפעראַנסיע: מײַנע זייער פאַרערטע. מיט שווערן האַרצן האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן אַ רעווי אויפצופירן. ס'איז נישט אַזוי לײַכט, פאַרגעסט נישט — אונדזער בינע איז אָרעם, צו קליין, צו פרימיטיוו, אַז



אַביש מײַזעלס
(1896-1959). פֿאָטאָ פֿון
דער ייִװאָ־קאָלעקציע
RG.119.

מיר זאָלן זיך קענען דערלויבן אַזאַ לוקסוס װי אויפֿפֿירן אַ רעװי, נאָך אײנס אונדזער ייִדיש פּובליקום איז זײער פֿײַן פֿילענד, װײלעריש, נישט יעדע זאַך װעט זײ געפֿעלן. און אויב שוין יאָ אַ ייִדישע רעװי, קענען מיר זיך נישט פֿאַרגלײַכן צון אַ דײַטש טעאַטער. אונדזערס אַ רעװי מוז האָבן אַן אינהאַלט, ס׳מוז זײַן אַ טעמע, און די הויפּטזאַך װאָס ס׳פֿעלט אונדז איז אַ קאָמפּאָניסט, אַ מוזיק דיכטער װעלכער זאָל צו די לידער, דועטן די מוזיק שרײַבן. דערוים קענט איר אַנטנעמען װיפֿל מי די אויפֿפֿירונג האָט געקאָסט, אַחוץ געלט. איצט איז אָבער אַ גאַנץ אַנדערע צרה — אַזאַ זאַך דאַרף מען אַפֿילו נישט דערצײלן קײן פּובליקום, דאָס איז קוליסן געהײמניסע. אָבער איך װעל עס יאָ טון. איך טײל אײַך מיט אַז יעצט האָט אונדז אַ מאַלער פּאַסירט. נעמלעך, מ׳האָט בײַם סופֿלער צוגעגנבֿט דעם טעקסט, ד. ה. די רעװי, און יעצט קענען מיר נישט װײַטער שפּילן. און כאָטש, װי איר װײסט, איך האָב די רעװי געשריבן, פֿונדעסטװעגן בין איך נישט אימשטאַנד, װײניקסטן מאָמענטאַן, די פֿעלנדע בילדער צו ערזעצן, מיר האָבן אינצװישן אַ

באַראַטונג אָפּגעהאַלטן און אונדזער רעזשיסער, הער שטרענג, האָט געזאָגט אַז מיר זאָלן שפּילן אַן אַנדער שטיק. אַלזאָ, מײַנע ליבע, איר האָט צוויי וועגן. איר קענט אײַך ווײלן אַן אַנדער שטיק, אָדער קענט איר קומען אויף דער קאַרטע אַן אַנדערש מאָל. איך האָף אָבער אַז איר וועט מער צופֿרידן זײַן פֿונעם ערשטן פֿאָרשלאָג און איר וועט אײַך אַ שטיק ווײלן — ביטע, מאַכט פֿאָרשלעגע.

אַלזאָ, צווישן די צוויי שטיקע . . . ווען מיר מאַכן אַן אָפּשטימונג, ווער איז פֿאַר . . . ווער איז פֿאַר . . . אַלזאָ, דער איקסטער . . . אַנטראָג איז דורכגעפֿאַלן און מיר שפּילן . . . (רעדט אַרײַן אין פֿאָרהאַנג) יאָ, מײַנע הערשאַפֿטן, דער דירעקטאָר האָלדהיים האָט מיר זאָגבן די מיטטײלונג געמאַכט, אַז ר׳האָט זיך טעלעפֿאָניש פֿאַרשטענדיקט מיט דער שטראַסן־באַן דירעקטיאָן און מ׳שטעלט בײַ נאָך דער פֿאָרשטעלונג וועגן אין אַלע ריכטונגען. (ליאַרעם)

[ס׳גייען אַרײַן] הערש, שיינדל, שמואליק, רחל (מיטן קינדער־וועגעלע)

קאָנפֿ.: וואָס איז דאָרט?

שיינדל: . . . וואָס הייסט נישט אַרײַנלאָזן? ס׳איז דאָך לויטער ייִדן.

הערש: ייִדן, האָט רחמנות, לאָזט אונדז דאָ איבערנעכטיקן.

שמואליק: ר׳הערש, איך זע דאָ נישט קיין בעטן.

הערש: דאָ שלאָפֿט מען זיצנדיק.

קאָנפֿ.: איך בעט ס׳זאָל זײַן שטיל. מײַנע ליבע ייִדן, וואָס ווילט איר?

הערש: מיר זענען איצט אָנגעקומען פֿון דער באַן און מיר האָבן נישט וווּ צו שלאָפֿן און אַזוי ווי דאָ זענען לויטער ייִדן, ווילן מיר איר זאָלט אונדז לאָזן איבערנעכטיקן.

קאָנפֿ.: עס טוט מיר זייער לײַד, אָבער דאָ איז אַ טעאַטער.

שיינדל: באַקומט דעם קאַטער. פֿון דאַנען גיי איך נישט אַוועק. עפּעס אַ חבֿרה גזלנים. כ׳האָב דאָך שוין נישט קיין כּח אויף די פֿיס צו שטיין. זײַט אַזוי גוט, לאָזט מיך אַנידערזעצן.

קאָנפֿ.: אַנטשולדיקט, דאָ איז נישט קיין האָטעל.

שיינדל: וואָס טויג מיר אַ היטל. איך וויל שלאָפֿן, מיך אויסרוען. ייִדן, וואָס שווײַגט איר?

קאָנפֿ.: זיי צאָלן דערפֿאַר זיי זאָלן שווײַגן. אַלזאָ, הערט אויס. איך וועל אײַך באַלד פֿירן אין אַ האָטעל אַרײַן וווּ איר וועט קענען שלאָפֿן.

הערש: איר זענט אַ היגער?

קאָנפֿ.: יאָ, אַ געבוירענער ווינער.

הערש: קענט איר מיר אפֿשר זאָגן וווּ בן־ציון דעם שוחטס וווינט?

קאָנפֿ.: ניין, כ׳האָב נישט דאָס פֿאַרגעניגן.

הערש: (גייט אום אין זאַל) אפשר קענט איר בן־ציון דעם שוחטס?
קאָנפ.: נו, מײַן ליבער ייִד, קומט מיט מיר.
(אַלעם אָפּ)

אין אַ סצענע, אין וועלכער מײַזעלס שטעלט פֿאַר אַ קאַריקאַטור אויף דער אָנפירונג פון דער ווינער קולטוס־געמיינדע (קהילה), פּירט מען וויכוחים ווי אַזוי עס דאַרף ווערן צעטיילט דער בודזשעט צווישן פֿאַרשיידענע צדדים. ס'איז אַ פראַגע, צי די דאָזיקע סצענע איז טאַקע געשפּילט געוואָרן, ווײַל דער עולם וואָלט אין איר זיכער דערקענט רעאַלע פיגורן פונעם ווינער ייִדישן לעבן. אינעם כתב־יד איז פֿאַר דער סצענע צוגעגעבן אַ באַמערקונג: „גייט נישט".

•

## צוועלפטע בילד

(אַ זיצונג אין דער קולטוס־געמיינדע)

אויף דער בינע: מענדל קולער, מרדכי פרידגאַט, שלמה קנאַקער, חברטע מלכה, דינער. (אַלע ליאַרעמען.) סעקרעטאַרין.

פרעזידענט: (קלינגט) מײַנע הערן. איך דערעפן די הײַנטיקע זיצונג. די זיצונג הײַנט איז אַ זייער וויכטיקע און דרינגנדיקע. עס מוז צוזאַמענגעשטעלט ווערן דאָס בודזשעט פֿאַרן הײַנטיקן יאָר. עס ליגן פֿאַר פֿאַרשידענע געזוכן וועגן סובווענציעס. דאָס ערשטע געזוך איז פון מענדל קולער וועגן סובווענציאָנירן אַ פּועלי־ציון אָרגאַן. איך דערטייל דאָס וואָרט דעם פּעטענטן מענדל קולער.

מענדל: חברים און חברות, אויסגייענדיק אויס דעם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, איז אונדזער גרונטלאַגע אַן אייגן אָרגאַן. דאָס איז די נשמה פון אַ פּאַרטיי, און אין איצטיקן שווערן קאַמף פון די מאַסן טאָרן מיר נישט פֿאַרגעסן וועלכער חוב עס ליגט אויף אונדז. די ייִדישע גאַס איז אונדזערע. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ שלום־עליכם, אַ פּרץ, אַ מענדעלע, אַ ראָזענפעלד, און דער פּועל־יוצא איז אַז די ייִדישע גאַס איז אָן אַ ייִדיש וואָרט. עבען אַ דאָס טאָרן מיר נישט צו לאָזן. און דערפֿאַר פֿאָדער איך נישט ווי פריִער דערמאָנענדיק — אַ סובווענציע פֿאַר דער צײַטונג, נאָר טאַקע די גאַנצע צײַטונג אַליין אויסצוהאַלטן. עס זאָל לעבן די ייִדישע מאַסן! עס זאָל לעבן די פּועלי־ציון!

פּרעזידענט: אַלס נעקסטער האָט דאָס וואָרט דער הער מרדכי פרידגאַט וועגן סובווענציאָנירן זײַן העברעיִש ווערק „אהרון".

מרדכי: רבותי! רב סליחה ומחילה.

אַלע: ייִדיש, ייִדיש.

פּרעזידענט: רוע! הער פּרידגאָט, איך וועל קיינמאָל נישט דערלויבן אין דער קולטוס־געמיינדע העברעיִש צו רעדן. זעצט זי פּאָרט, ביטע.

מרדכי: רבותי, אני מדבר רק בלשון הנביאים, בלשון האבות אברהם, יצחק, יעקב.

פּרעזידענט: איך ענטציִע אײַנען דאָס וואָרט!

מרדכי: דאַרף מען נישט. (צו איינעם) האָסט אפשר 100 דאָלאַר אויסצובײַטן? . . . גוטער ברודער, גיב מיר דערווײַל 5 שילינג. מײַן פּעטער האָט מיר שוין געשיקט אַ טשעק. שלום! (אָפּ)

פּרעזידענט: אַלס נעקסטער קומט דער הער שלמה קנאַקער, דיכטער און רעדאַקטאָר פון „הײַנט" און נאָך אַנדערע צײַטונגען.

שלמה: מײַנע הערן! די אורזאַכע פאַרוואָס איך וויל גרינדן דאָ אַ צײַטונג איז זייער לײַכט צו פאַרשטיין. מיר, ייִדן, זענען ציוניסטן און מ'מוז האָבן אַ ייִדישע צײַטונג. איר געדענקט, פּאַני טויבעם, צוריק מיט וויפל איז שוין דערינען . . . יאָ, אַ יאָר צוואַנציק. דעמאָלט האָט איר באַדאַרפט זייער ייִדישקײַט. ס'איז געווען אַ ביסל ציוניסטן און מיר פלעגן זיך צונויפקומען אין קאַפע . . . איר געדענקט ניט, פּאַני טויבעם, ווי דאָס קאַפע־הויז האָט געהייסן? פרעגט זילבערבושן, ער וועט עס אײַך באַשטעטיקן. איך אַליין בין אַפילו פאַר העברעיִש. איר געדענקט, פּאַני טויבעם, אחד העמס ערשט ווערק „על פרשת דרכים". יאָ, איז וואָס זשע האָב איך געוואָלט זאָגן, איר געדענקט, פּאַני טויבעם . . .

פּרעזידענט: ביטע, צו זאַכע.

שלמה: אַז איר שלאָגט מיר איבער, קען איך ניט רעדן. יאָ, איך מיין ציוניסטן, זענען מיר געווען ציוניסטן. איר געדענקט, פּאַני טויבעם, ווי . . . ווי . . . איך האָב געענדיקט.

פּרעזידענט: דער נעקסטער רעדנער איז חברטע מלכה.

מלכה: חברים און חברטעס! נידער מיטן קאַפּיטאַל! עס לעבע די אַרבעט. גענוג האָבן מיר שוין צוגעזען ווי די רעאַקציע מאַרשירט מיט זיבן־מײַלן־שטיוול. די שוואַרצע פאַר־שפּרייטן גיפט צווישן די אַרבעטער־מאַסן. „גלויבן איז אָפּיום פאַרן פאָלק" — האָט דאָס [געזאָגט], איך געדענק נישט מאָמענטאַן ווער. דערפאַר פאַרלאַנג איך נישט קיין סובווענציע, נישט קיין אונטערשטיצונג. נאָר די קולטוס־געמיינדע איז אַן איבעריק אינסטיטוט. זי ברענגט אַרײַן פינצטערניש אין די מאַסן, דערפאַר מוז זי דעמיסיאָנירן

און די פֿאַרוואַלטונג וועלן מיר איבערנעמען. עס לעבע די קאָמונע, נידער מיט דער בורזשואַזיע!

פּרעזידענט: איך דאַנק אײַך אַלע פֿאַר די אויספּירונגען, אָבער דערווײַל זיצן מיר בײַם טיש און מיר וועלן טון וואָס מיר ווילן.

אין אַ קליינער סצענע ווערט דער ייִדישער טעאַטער פּערסאָניפֿיצירט דורך דעם אַקטיאָר וויטלער. דער פֿאָלגנדיקער קורצער דיאַלאָג קען דינען ווי אַ סך־הכּל פֿון די טעמעס, וואָס מיר האָבן באַרירט אינעם אַרטיקל.

וויטלער: דערלויבט זיך פֿאָרצושטעלן. מײַן נאָמען איז ייִדיש טעאַטער.

פּרעזידענט: אַזוי עלעגאַנט?

וויטלער: ווײַל איר זענט נאָך אין אײַער לעבן אין ייִדישן טעאַטער [ניט] געווען. דערפֿאַר קענט איר מיך נישט.

פּרעזידענט: אין קענגנטייל, עס פֿרייט מיך אײַך אויף אַזאַ שיינער שטופֿע צו זען.

וויטלער: אוים איינענעם ווילן און דורך אייגענע כּוחות האָב איך עס דערצו געבראַכט. קוקט נישט אויף מײַן אויסערלעך אויסזען. מײַן קאַמף, מײַן עלנד זעט איר נישט. ווען איך דערשײַן פֿאַר אײַך, זעט איר מיך אין פֿולן גלאַנץ. און איר שאַצט מיך נאָך מײַנע קליידער. מײַן הער פּרעזידענט, קוקט אַרײַן אין אונדזער נשמה, וועט איר זען וואָס מיר לײַדן. מיר זענען געצוווּנגען פֿאַר אַ פּאָר גראָשן זיך לעכערלעך צו מאַכן. מיר שפּילן אָפֿט קעגן אונדזער איבערצײַגונג. מיר ווערן אויסגעהאַלטן פֿון די אָרעמסטע פֿונעם פֿאָלק. זיי שפּאָרן אָפּ פֿונעם מויל און קומען צו אונדז. אונדזער פּובליקום איז מיט אונדז איינס. זיי פֿילן מיטן אַקטיאָר און דער אַקטיאָר מיט זיי. זיי ווילן אונדז העלפֿן, אָבער זיי האָבן נישט די מעגלעכקײַט. בײַ אײַך אין די הענט ליגט אונדזער גורל, און וועט איר אונדז העלפֿן, וועלן מיר האָבן אַ ייִדיש טעאַטער ווי עס פּאַסט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק.

פּרעזידענט: מאָמענטאַן האָבן מיר זייער ווינטיקע אויסגאַבן. ליידער איז עס אונדז אוממעגלעך. אויף ווידערזען. (אָפּ)

וויטלער: ליידער אוממעגלעך . . . איך האָב עס פֿריִער געוווּסט. ייִדיש טעאַטער, ביסט ווײַטער אָנגעוויזן אויף דײַן ייִדיש פּובליקום, און דײַן פּובליקום וועט דיך נישט פֿאַרלאָזן. (פֿאַררייכערט זיך אַ ציגאַרעט)

דער מצב פונעם ייִדישן טעאַטער אין ווין איז אַלעמאָל געווען אַ שווערער. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, האָט מען אויך אין ווין געשפּילט ייִדיש טעאַטער, ביז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט אַלצדינג חרוב געמאַכט. די אַקטיאָרן און שרײַבער פון ייִדישן טעאַטער האָט מען געטריבן אין עמיגראַציע אָדער אויסגעהרגעט. די דאָזיקע קליינע אַרבעט זאָל זײַן אַ בײַטראָג דערצו, אַז זייערע לעבנס, זייער טאָגטעגלעכע שווערע מי און שאַפן „לײַכטע פאַרווײַלונג“, ווי אויך זייערע דערהויבענע חלומות וועגן גרויסער קונסט, זאָלן ניט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן.[12]

[12] די מחברים פון דעם אַרטיקל פּראָיעקטירן אַ קריטישע אויסגאַבע פון מײַזעלס רעווי, ווי אַ מקור פאַר דער ווינער קולטור־געשיכטע אין די צוואַנציקער יאָרן.

---

## 50 יאָר זינט יענער שוואַרצער מינסקער נאַכט

דעם 31טן דעצעמבער איז געוואָרן 50 יאָר זינט דער נאַכט ווען די מערדער פון סטאַלינס געהיימער פּאָליציי האָבן אין מינסק, ווײַסרוסלאַנד, געהרגעט דעם גרויסן ייִדישן אַקטיאָר און רעזשיסאָר, שלמה מיכאָעלס.

כּדי אָפּצומערקן די טרויעריקע דאַטע, האָט מען אין מאָסקווע הײַיאָר אָרגאַניזירט אַ פעסטיוואַל, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. די פּאַטראָנען פונעם פעסטיוואַל זײַנען געווען באָרים יעלצין און דער מאָסקווער מייאָר, יורי לוזשקאָוו. דער פעסטיוואַל איז געעפנט געוואָרן אין דעם „באָלשאָי טעאַטער“. אין דעם קאָנצערט האָבן זיך באַטייליקט באַוווּסטע רוסישע אַקטיאָרן, כאָרן און אָרקעסטערס, ווי אויך געסט פון ישראל און אַמעריקע.

מיכאָעלסעס טויט האָט סיגנאַליזירט דעם אָנהייב פון דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע וואָס האָט געבראַכט צום 12טן אויגוסט 1952, ווען די ייִדישע קולטור האָט פאַרלאָרן אַ צאָל גרויסע טאַלאַנטן, די גרעסטע אין דעם דעמאָלטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער פעסטיוואַל, וואָס זײַן פאַרנעם האָט ניט קיין פּרעצעדענטן, איז אַפּנים אַ מין על־חטא פון דער איצטיקער רעגירונג פון רוסלאַנד. בײַ ייִדן זאָגט מען אַז שכל און חרטה קומען שטענדיק צו שפּעט . . .

# ווי מען דאַרף ניט שרײַבן ייִדיש: נאָטיצן פון אַ לעזער

## משה אָלגין

מ. אָלגין (1878-1939) איז באַוווּסט דער עיקר ווי אַן אָנפירנדיקער זשורנאַליסט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמוניסטישער סביבה, רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט”. אמת, דער ערשטער טייל פון זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט, נאָך אין רוסלאַנד, איז געווען פאַרבונדן מיטן „בונד”. אָבער סײַ אַלס בונדיסט און סײַ — שפּעטער — אַלס פּראָ־סאָוועטישער טוער, איז אָלגין שטענדיק געווען איבערגעגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך. מיר ברענגען דאָ, אין אַ געקירצטער פֿאָרם, זײַן אַרטיקל וואָס, געדרוקט אין 1915, איז געווען אַ פּיאָנערישע אַרבעט וועגן ייִדישער סטיליסטיק.

קיין ייִדישע גראַמאַטיק, וואָס זי זאָל זײַן פאַר אַלעמען און אין אַלע אירע פּרטים אַ מוז, איז נאָך ניטאָ, קיין אַקאַדעמיש ווערטער־בוך פון דער ייִדישער שפּראַך — אַוודאי ניט. קיינער קאָן דעריבער נאָך ניט זאָגן, ווי אַזוי ס׳איז ריכטיקער: „דאָס יאָר” צי „דער יאָר”, „דאָס מיידל” צי „די מיידל”, „אַ גאַנץ יאָר” צי „אַ גאַנצעס יאָר”, „בערג” צי „בערגער”, „ציין” צי „ציינער”, „פאָרן אין די פּראָווינץ” אָדער „אין דער פּראָווינץ” א. א. וו. מען שרײַבט אַזוי און אַזוי — ווען דער שרײַבער איז געוויינט, ווען מען רעדט אין זײַן געגנט, ווען עס קלינגט פאַר אים בעסער. מסתמא וועלן מיט דער צײַט זיך אויסאַרבעטן בײַ אונדז אויך אַלגעמיינע שרײַב־כּללים, דערווײַל אָבער קאָן מען קיין טענות ניט האָבן, אויב איינער שרײַבט ניט אַזוי, ווי דער צווייטער.

ס׳זײַנען אָבער פאַראַן אַזוינע פעלערן, וואָס בײַ יעדער גראַמאַטיק, בײַ אַלע מעגלעכע שרײַב־כּללים, וועלן זיי מוזן בלײַבן פעלערן, וואָרעם קעגן זיי פּראָטעסטירט דאָס לעבעדיקע אוממיטלבאַרע שפּראַך־געפיל און די לאָגיק. קעגן אַזוינע פעלערן מוז מען קעמפן, מען מוז זיי אויף שריט און טריט פאַרפאָלגן, אויב מען וויל ניט, אַז ייִדיש זאָל זײַן אַ זשאַרגאָן. די דאָזיקע פעלערן שטאַמען ניט דערפון, וואָס אונדז פעלן זיכערע שפּראַך־כּללים, נאָר דערפון, וואָס די שרײַבער פאַרהאַלטן זיך צו דער שפּראַך ניט גענוג ערנסט. „ווער־לכער ייִד קען דאָס קיין ייִדיש ניט?” — טראַכט זיך יעדער איינציקער — און שרײַבט אויף גאָטס באַראָט, ווי עס שרײַבט זיך.

איך האָב געפּרוּווט צונויפצוקלײַבן אַ קליינע קאָלעקציע פון אַזוינע פעלערן און שפּראַך־קוריאָזן. גענומען האָב איך דערבײַ די ערשטע בעסטע ייִדישע ביכער און בראָשורן, וואָס האָבן זיך מיר געטראָפן צו דער האַנט, איך האָב מיט אַ כּיוון ניט אויסגענוצט קיין צײַטונגען, וואָרעם עס איז אָנצונעמען, אַז אַ בוך ווערט צוגעגרייט צום דרוקן מיט אַ גרעסערן ישוב־הדעת, איידער אַ צײַטונג, און דער מחבר באַמיט זיך, אַז ער זאָל ניט אַרויסלאָזן פון זײַן האַנט אַ דבר שאינו מתוקן. די שפּראַך פון ביכער זאָל דעריבער ריינער זײַן, ציכטיקער, איידער די צײַטונגס־שפּראַך. איך האָב, אגב, גענומען דערהויפּט נײַע ביכער, וואָרעם נאָר אין זיי קאָנען מיר זען, ווי

עס האַלט איצט מיט אונדזער שפּראַך.

איך קאָן ניט זאָגן, אַז מײַן קאָלעקציע זאָל מאַכן זייער אַן אָנגענעמען אײַנדרוק. מיר באַגעגענען דאָרט, ברוך השם, פֿון כּל טוב.

א. גערמאַניזמען. קענען אײַנפֿירן דײַטשע ווערטער דאָרט, ווו עס פֿעלן ייִדישע, קאָן מען אין פּלוג גאָר ניט האָבן. נאָר ווען איז דאָס געוואָרן? ווען די דײַטשע ווערטער זײַנען נייטיק, ווען מען קאָן זיך אָן זיי ניט באַגיין. צום באַדויערן „בראָקן" אָפּט אונדזערע שרײַבער טײַטשמעריש נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי ווילן ניט אַ קלער טאָן, אַ זוך טאָן אַ ייִדיש וואָרט און אַ ייִדישן אויסדרוק.

דוד פֿרישמאַן שרײַבט „דערזעצן" (דײַטש: ersetzen) אָנשטאָט „פֿאַרבײַטן" („קאָנען דען טויזנט חכמות דערזעצן דאָס, וואָס מען פֿילט אין איין מינוט?"); ער שרײַבט: „זיי האָבן זי אָבשפּענסטיק געמאַכט", „זי האָט אַ מינוט געצעגערט", „אַ גרויס=אַנגעלייגטע נאַטור" (דײַטש: angelegt), „דאָס מאַכט מיך פֿערשטימט", „דאָס באַפֿרעמדעט אַ ביסל"; ער געברויכט אויסדרוקן ווי „געביטעריש", „ליבעס=אָבענטיימער" (Liebes Abenteuer), „שילף", „פֿאָרצוג", „אַ שפּראָס", „אַ ווינציקער קערפּער". ווער רעדט שוין פֿון אַזוינע ווערטער, ווי „דאַפֿון", „דאַצו", „דאַמיט" א.א.וו.

בעל=מחשבות שרײַבט: „מען קאָן פּאַסט זאָגן", „דענּאָך", „מערערע שטיק", „דער געדאַנקען" (שריפֿטן, ב. 3, ז. 456). בײַ אַשן באַגעגענען מיר: „זי פּאַלט צוזאַמען און וויינט" („ירושים", ז. 50), „אַ קליין שטיל לעכעלן" („מערי", ז. 76), „צו ערגעטצן און צו ערפֿרייען" („ערד", ז. 33). אַפֿילו דער פֿאָלקסטימלעכער רייזען כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט אַזאַ וואָרט, ווי „פֿאַרגעסטערן" אָדער „זי האָט זיך אָנגעצויגן" (אָנשטאָט „זי האָט זיך אָנגעטאָן").

די אַלע אויסגערעכנטע ווערטער וואָלט מען געקאָנט אָן מי פֿאַרבײַטן אויף ייִדישע. עס איז באמת שווער צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס „פֿאַרגעסטערן" איז בעסער ווי „אייערנעכטן", מיט וואָס „אַ לעכעלן" איז פֿײַנער ווי „אַ שמייכל" א.א.וו.

נאָר די גערמאַניזמען וואָלטן נאָך ניט געווען אַזוי שעדלעך, ווען דער לעזער וואָלט זיי פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען. מילא, אַ ייִד, וואָס קען קיין דײַטש ניט, וועט לייענען „געצעגערט", „שילף", „אָבענטיימער" — און וועט קווטשען מיט די פּלייצעס: תּרגום; אָבער קיין בייז וועט דערפֿון ניט אַרויסקומען. אַז ער וועט אָבער לייענען געוויסע אַנדערע דײַטשמערישע ווערטער, וועלן זיי איצט אָן עפּעס דערמאָנען; „דערזעצן" איז דאָך אַזוי ענלעך צו „זעצן", „אָנגעצויגן" קאָן דאָך זײַן אַ סטרונע אויך, אַ „גרויס=אָנגעלייגטע נאַטור" דערמאָנט אָן אַן „אָנגעלייגטן גאַסט", „פּאַסט" („כמעט") איז דאָך גלײַך צו „פּאַסטן" (אַ תּענית), „ערגעטצן" דערמאָנט אָן „געצן" און „געצנדינער" א.א.וו. אַ לעזער, וואָס קען קיין דײַטש ניט (אַזוינע זײַנען געווים 999 פֿון טויזנט), וועט די אַלע ווערטער פֿאַרשטיין קאַפּויער. און דאָס איז אַ גרויסע רעה.

אַז די אַלע ווערטער פֿאַראומרייניקן די שפּראַך, איז איבעריק צו רעדן.

ב. די רוסיציזמען און פּאָלאָניזמען.

ז. שניאור שרײַבט: „פֿאַרביקע סטענגעס און בוסן" (אָנשטאָט „קאַרעלן"); ווײַסענבערג שרײַבט: „געמאַרשטשעט" (געקנייטשט), יונה ראָזענפֿעלד הייסט זײַן העלד „קאַראַבקען זיך", בײַ סטאַווסקין גרינט „דער וויהאָן" (ВЫГОН), די פֿערד עסן „האָבראַק". פֿרישמאַן האָט געזען „סטאָלבעס וואָלקנס" (שריפֿטן, II, ז. 56).

פּאָלאָניזמען באַגעגענען זיך בײַ אונדז בערך וויניקער, איידער רוסיציזמען. אָבער אויך זיי גרילצן אין די אויערן. ווײַסענבערג שרײַבט: „געדווינושעט", „צוגעמרוגעט", „אַ גאַרשטש וואַסער". אַש שרײַבט: „קשאַקעס". י. טרונק: „בזשאָזעס". ס'איז אייגנטלעך שווער צו דערקלערן, מיט וואָס „בזשאָזעס" איז ערגער

פאַר „בעריאָזעס". די מעשה איז אָבער, וואָס דאָס ערשטע איז ניט אָנגענומען, דאָס צווייטע אָנגענומען אין אונדזער ליטעראַטור, און ווער עס וויל שרײַבן ייִדיש און ניט קוידערוועלש, דאַרף ניט פאַרגעסן, וואָס ס'איז אָנגענומען אין דער שפּראַך. „בעריאָזעס" איז אפשר ניט אַזוי צום האַרצן דעם פּויליש־ייִדישן שרײַבער, וועלכער טראַכט אויף פּויליש. אָבער וואָס זאָל מען טון? אָט האָבן ייִדן זיך צוגעוווינט צו דער פּוילישער „לאָנקע" — און גאָרניט, מ'האָט קיין טענות ניט. פאַרוואָס זאָלן פּוילישע ייִדן ניט געוווינען זיך צו דער „בעריאָזע"?

ג. פּראָווינציאַליזמען און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

פּראָווינציאַליזמען זײַנען נייטיק אין יעדער שפּראַך. זיי מאַכן זי זאַפטיקער, פאַרביקער, גיבן איר, דאָרט וווּ מען דאַרף, דעם couleur locale. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ביז דער לעצטער צײַט איז ייִדיש געווען איין גרויסער פּראָווינציאַליזם. דעריבער, ווען מען שרײַבט ייִדיש, דאַרף מען זיך באַזונדערס היטן, אַז די שפּראַך זאָל זײַן ריין און קלאָר, אַז פּראָווינציאַליזמען זאָלן זיך באַנוצן נאָר דאָרט, וווּ זיי זײַנען באמת נייטיק. און דעריבער טאָר מען ניט נוצן אַזוינע ווערטער ווי „קיינעמען" („קיינעמען ניט צאָלען" — אין אַ פּובליציסטישער בראָשור פון פּ. ליבמאַן „וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג"), אָדער „גאַנצענע" (גאָרעליק), אָדער „זיך אַרומגעבלאָקײַעט" (פּ. הײלפּערן). וואָס זאָל מען שוין אָבער זאָגן וועגן אַזוינע אויסדרוקן, ווי „אַ טשורכע געטאָן", „זיך אײַנגעקורטשעט", ווי די „טרישצעקלעך", אַ קלייד מיט בלאָע „שילקערלעך", אַרומגענומען „ווי מיט אַ קלאָמדאַרע" (ווײַסענבערג)? די אַלע ווערטער ווערן געברויכט פון די שרײַבער ניט כדי בולטער פאַרצושטעלן די אָדער יענע פּערזאָן, ווי דאָס טוט, למשל, שלום־עליכם, נײַן, די שרײַבער מיינען טאַקע, אַז דאָס זײַנען ליטעראַרישע ווערטער, וואָס מען מעג זיך מיט זיי ווײַזן פאַר לײַטן.

אַן ערגערע מכת מדינה זײַנען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ווען איך זאָג „אומפאַרשטענדלעך", מיין איך אַזוינע ווערטער, וואָס איך פּערזענלעך פאַרשטיי זיי ניט; איך האָב אָבער דאָס רעכט צו גלייבן, אַז ניט נאָר איך, נאָר אויך די גרעסטע צאָל לעזער וועלן זיי ניט פאַרשטיין. אַדרבא, וואָס הייסט „שופּסיגעס" (היילפּערן: „אַ דאַרער דאָרן־קוסט מיט ניט־צײַטיקע שופּסיגעס"), וואָס הייסט „פּיטכינעס" (ווײַסענבערג: „פאַרשפּאַרן די הענט אָן די פּיטכינעס"); וואָס הייסט: „אַ פּרײַ בערגיקער פלאַץ" (הירשביין): הייסט דאָס, אַז דער פלאַץ איז פרײַ פון בערג, אָדער אַז אויף אים געפינען זיך פרײַע בערג? וואָס הייסט: „יאָגן זיך מיט באַלעמעס", „באַלעגן די ברוסט מיט געלעכערטע קאָרינעס", „האָבער אַ האַלבער רובל אַ שאַנאָק". וואָס הייסט „אַ באַקענקאָפּ", וואָס הייסט „מורשטנדיק די שטילקײַט"?

ווי קאָן מען בראַקן אַזוינע ווערטער, אויב מען וויל, אַז דאָס וואָס מען שרײַבט זאָל זײַן מער ווי עטנאָגראַפיע?

ד. ווערטער שלעכט פאַרשטאַנען.

אַן אמתער זשאַרגאָן הייבט זיך אָן דאָרט, וווּ מען געברויכט ווערטער ניט אין דעם זין, וואָס זיי האָבן, און גראָד אין דעם פּרט זינדיקן אונדזערע שרײַבער אָן אַ מאָס. בעל־מחשבות שרײַבט (ב. III, ז. 105): „קאָברין האָט ניט דעם געבוירענעם קאָמישן טאָן, און זעלטן ווען צווינגט ער דעם בעסערן לעזער צו אַ קאָמישן שמייכל" (אַ „קאָמישער שמייכל" הייסט אַזוינער, וואָס ער אַליין איז קאָמיש, וואָס ער דערוועקט בײַ אַנדערע געלעכטער, אָבער ניט אַזוינער, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַ קאָמישער זאַך). אַש שרײַבט („מערי", ז. 175): „אין צימער האָט געשמעקט מיט

אַ לײַכטן נאַרציסן־דופֿט . . . דער געשמאַק האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דעם געזונטן האָלץ־געשמאַק, וואָס האָט געברענט אין אויוון" (דאָס, וואָס ס'שמעקט, האָט אַ ריח, ניט קיין געשמאַק. „געשמאַק" הייסט אויף ייִדיש — טעם, „האָלץ־געשמאַק" הייסט „דער טעם פֿון האָלץ"). מיר באַגעגענען בײַ אַשן אַ הער, וואָס איז „אָנגעטאָן אײנפֿאַך, נאָר אין אַ פֿײַנעם שניט" („אַ פֿײַנעם שניט" קען האָבן אַ ראָק, אַ פֿראַק; אָנגעטאָן „אין אַ פֿײַנעם שניט" קאָן מען ניט זײַן). בײַ אַשן (דאָרט, ז. 20) טרעפֿט איר אַ בילד, ווי ר' חיים ראָזענצווײַג „האָט די פֿינגער צווישן זײַן געדיכטע(ר) באָרד גלאָזט אַדורכפֿירן" („לאָזן דורכפֿירן" הייסט — הייסן אַ צווייטן, אַז יענער זאָל דורכפֿירן; מען זאָגט: „געלאָזט נייען שיך", „געלאָזט בויען אַ הויז". ר' חיים ראָזענצווײַג האָט פֿאַרשפּאָרט לאָזן דורכפֿירן די פֿינגער צווישן זײַן באָרד: ער האָט זיי אַליין דורכגעפֿירט); אברהם רייזען („שריפֿטן", ב. 1, ז. 16) שרײַבט: „— זאָל מען ברענגען די מלכה אַהער! — האָט הערמאַן באַשליסנדיק אויסגערופֿן" (באַשליסנדיק הייסט: בשעת ער האָט באַשלאָסן, ווען ער האָט אָנגענומען זײַן באַשלוס. רייזען האָט געוואָלט זאָגן: „מיט פֿעסטן אַנטשלוס", „מיט פֿעסטקײַט"; — ער איז געשטרויכלט געוואָרן אָן דעם רוסישן решительно).

יונה ראָזענפֿעלד („נאַכט און טויט", ז. 125) שרײַבט: „פֿון דער זעענדיקער, נאָר ניט הערנדיקער באַוועגונג" האָט געזעצט אַן אומעטיקײַט. ער וויל זאָגן: „פֿון דער באַוועגונג, וואָס מ'האָט געזען, נאָר ניט געהערט". אַ „זעענדיקער" און אַ „הערנדיקער" איז אַ סוביעקט, ניט קיין אָביעקט: אַ זעענדיקער זעט, ניט ער ווערט געזען. אין דעם זעלבן זין שרײַבט ראָזענפֿעלד: „אַ קוים שפּירנדע קילקײַט" (אָנשטאָט „אַ קילקײַט, וואָס איז קוים צו שפּירן"); „אַ קוים באַמערקנדיקע נאָז" (אָנשטאָט „אַ נאָז, וואָס מען מערקט זי קוים"). גאָרעליק מאָלט אונדז „דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפֿענע האָר" (ער וויל זאָגן: „האָר, וואָס וואַרפֿן זיך דורך". („דורכגע־וואָרפֿענע" האָר זײַנען אַזוינע, וואָס עמעצער האָט זיי דורכגעוואָרפֿן!) הירשביין („מײַן בוך", ז. 63) מאַכט אַן עפּנטלעכן טעות: בײַ אים איז דאָ „אַ גרויסער וויגנדיקער זאַנגען־ים" (מיינען מיינט ער: אַ זאַנגען־ים, וואָס וויגט זיך). דער זעלביקער הירשביין (דאָרט, 3) שרײַבט, אַז דער נעפּל פֿאַרשלײַערט „דעם אויבערשטן שפּיגל פֿון וואַסער" (מיינען מיינט ער: די אויבער־פֿלאַך. אַן „אויבערשטער שפּיגל" איז אַן אומזין, וואָרעם דאָס וואַסער האָט דאָך ניט קיין אונטערשטן שפּיגל. איבעריקנס, געברויכט הירשביין אַליין אין אַן אַנדער אָרט דאָס וואָרט „אויבער־פֿלאַך".) אַן אַנדערש מאָל ווערט ער געשטרויכלט מיט אַזאַ אויסדרוק ווי „אַ בונט־רויטע רויז" („בונט", האָבן מיר אַ קימאַ־לן, הייסט: אָפּגעפֿאַרבט אין פֿאַרשיידענע העלע פֿאַרבן, וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן. הײַנט, וואָס הייסט: בונט־רויט? אויב בונט, איז דאָך ניט נאָר רויט, אויב רויט, איז דאָך ניט בונט!) [. . .]

נאָר גענוג! לאָמיר גיין ווײַטער.

ה. חטאים קעגן דער לאָגיק. איך מיין דאָ די עלעמענטאַרע לאָגיק. וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם בוי פֿונעם זאַץ. דאָ זעען מיר בײַ אונדזערע שרײַבער אַן אמתע אָרגיע פֿון גרײַזן.

ה. ד. נאָמבערג („שריפֿטן", ב. II, ז. 37): „די דינסט . . . האָט געקוקט אויף סענדערס קאַרק, וועלכער איז געזעסן בײַם טיש אײַנגעבויגן, פֿאַרזונקען אין געדאַנקען" (דער קאַרק — געזעסן בײַם טיש און געווען פֿאַרזונקען אין געדאַנקען!). אָדער (ב. III, ז. 43): „אַ פֿאַרע האָט געשלאָגן פֿונעם דײַטשס מויל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפֿן פּאַפּיראָסן" (קומט אויס, אַז דאָס מויל האָט זיך אָפּגעשטעלט!). דער זעלבער ה. ד. נאָמבערג

שרײַבט: „אים האָט אינטערעסירט צו וויסן, פֿון וועלכע זײַט דערווינט בלאָזט דאָס יעדעס מאָל מיט אַזאַ האַסט און יאָגט איבער די טראָטואַרן דעם געפֿרוירענעם שניי, כּדי צו שטעלן זיך אין אַזאַ פּאָזע, ווו דער ווינט זאָל אים ווייניקער דערקוטשען" (יעדער בר־דעת וועט מוזן זאָגן, אַז דער נעבן־זאַץ: „כּדי צו שטעלן זיך אין אַזאַ פּאָזע" איז שייך צום ווינט: דער ווינט „יאָגט איבער די טראָטואַרן דעם געפֿרוירענעם שניי, כּדי צו שטעלן זיך אין אַזאַ פּאָזע". אין אמתן מיינט נאָמבערג, אַז דעם מענטשן האָט אינטערעסירט צו וויסן, דאָס, כּדי ער זאָל זיך קאָנען „שטעלן אין אַזאַ פּאָזע" א.א.וו. [. . .]

אַזוינע פֿעלערן זײַנען פֿאַראַן לרובֿ בײַ יעדן ייִדישן שרײַבער. קאַליף („ערנסט און שפּאַס", ז. 42) שרײַבט: „ער האָט געקויפֿט אַ פֿלעשל כּרמל־ווײַן און מאָנט פֿאַרבײַסן — לויתן, שור־הבר און אַ גאָלדענעם שטול" (אַ פֿײַנער „פֿאַר־בײַסן" — אַ שטול!). אַש שרײַבט („די ערד", ז. 11) „דאָס באַשעפֿעניש האָט אַרײַנגעגלאַנצט אין די (דער?) נאַכט אַרײַן מיט זײַנע צוויי שוואַרצע גלאַנצנדע אויגן, וואָס זײַנען געווען אומרויִק, געוואָרפֿן זיך און געמיאַוטשעט" (די אויגן — געמיאַוטשעט?) [. . .]

צום סוף נאָך איין בײַשפּיל פֿון בעל־מחשבֿותן (ב. III, ז. 175): „ער ליגט איצט אַ גאַנצן טאָג אונטערן סכך־בוים, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זײַנע צווײַגן, ווי אַ מנורה זײַנע (אירע?) רערן, און הילט אײַן אין שאָטנס זײַן מאַטן קערפּער" (פֿרעגט זיך, ווער הילט אײַן אין שאָטנס זײַן קערפּער: דער בוים צי דער וואָס ליגט אונטער אים? דאָס בלײַבט טאַקע ניט קלאָר).

איך האָב נאָר אַרויסגענומען אייניקע פּערל פֿונעם ים לאָגישע גרײַזן. אָן שום מי קאָן מען זיי פֿאַרמערן כּהנה וכהנה.

ו. ד ע ר  ק ע ג נ ו ו אַ ר ט ־ פּ אַ ר ט י צ י פּ. דאָ איז אַן אמת אומגליק מיט אונדזערע שרײַבער. פּרץ הירשביין שרײַבט: „נעמענדיק דעם קראַנץ פֿון גערטנער, האָט זיך איר געזיכט ליכטיק אָנגעצונדן". קומט אויס, אַז דאָס ג ע ז י כ ט האָט גענומען דעם קראַנץ. שניאור שרײַבט: „די נקמה־געפֿילן, וואָס האָבן אין מיר, פֿאָרנדיק אין פּאָיעזד, אַזוי געקאָכט, זײַנען שוין לאַנג ניטאָ" (די נקמה־געפֿילן — געפֿאָרן אין פּאָיעזד?). פֿרישמאַן שרײַבט: „קומענדיק מיט אים צוריק אַהיים צו אונדז האָט ער אַלץ נאָך גערעדט". (געוואָלט האָט ער זאָגן: „ווען איך בין געקומען מיט אים צוריק אַהיים, האָט ער אַלץ נאָך גערעדט") [. . .]

דער דאָזיקער סאָרט פֿעלערן האָט זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט אין אונדזער ליטעראַטור, אַז ער איז כּמעט געוואָרן אַ כּלל. אָבער קעגן אָט דעם „כּלל" שרײַט, געוואַלדעוועט אונדזער שפּראַך־אינסטינקט: עס איז ניט ריכטיק! אַזוי טאָר מען ניט! דאָס איז אַן אמתער באַרבאַריזם! מירן שוין ניט רעדן וועגן דעם, אַז ס׳איז לאָגיש אומריכטיק און האָט ניט קיין דוגמא אין קיין שום גראַמאַטיק. אַפֿילו אין פֿראַנצויזיש, ווו דער סוביעקט אין דעם הויפּט־זאַץ און נעבן־זאַץ קאָן זײַן פֿאַרשיידן, מוזן דאָך אויך אָנגעוויזן ווערן  ב י י ד ע  סוביעקטן.

ז. פֿ אַ ר ש י י ד ע נ ע  אַ נ ט י ק ן. דאָ וויל איך פֿאַרצייכענען אייניקע אומריכטיקייטן און אומגעלומפּערטקייטן, וואָס האָבן קיין פּלאַץ ניט געפֿונען אין די פֿריִערדיקע רובריקען. אנכי („ווינטער", ז. 24, 31 און אַנד.) רעדט וועגן „אַ ווײַסן, ווי שניי, פֿערד", „רויטע פֿולן מיט מענטשן, עס־צימער". זײַן העלד קלײַבט זיך „אין דער ווײַסער, פֿון זײַדנס און בלומען, בעט לייגן". נחמן מייזעל אין אַ בראָשור וועגן בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" דערציילט וועגן מירלען „מיט דער טרויעריקער פֿאַר איר שפּיל". בײַ שניאורן זײַנען דאָ „אײַנגעשמירטע אין דזיעגעכץ הענד". דאָס אַלץ איז ניט ייִדיש, ניט אינעם גײַסט פֿון ייִדיש! איר וועט דאָס ניט באַגעגענען ניט בײַ מענדעלען ניט בײַ שלום־עליכמען, ניט בײַ פּרצן. ניט בײַ קיינעם פֿון אונדזערע בעלי־הלשון. אונדזערע שרײַבער „האַקן" פֿראָסט די רוסישע פֿאָרם [. . .]

וועלן מיר זיי דערמאָנען, אַז אַפֿילו אין רוסיש געהערט די דאָזיקע פֿאָרם אויך צו די שווערע און ווערט באַנוצט מער אין קאַזיאָנע דאָקומענטן, איידער אין פּאָעטישע חבורים [. . .]

ניט ווייניק נעאָלאָגיזמען ווערן געשאַפֿן, וואָס מ׳וואָלט זיי אויך מוחל געווען זייערע אויסטראַכטער. מיר ברענגען: „דער דרײַסט״, (אָנשטאָט „דרייסטקײַט״), „דאָס הײַיאָר״ (אָנשטאָט „הײַנטיקס יאָר״), „פּאַראומעטעטע אויגן״ (אָנשטאָט „אויגן פֿול מיט אומעט״), „פּראַזעדיקע ווערטער״ (אָנשטאָט „מליצות״ אָדער „פּוסטע פּראַזן״).

אַלע אַנטיקן פֿון דעם מין איז באמת ניט מעגלעך אויסצורעכענען.

ח. דאָס — די; מיך — מיר. די ליטוואַקעס האָבן ווייניק ווערטער מיטן אַרטיקל „דאָס״. אין דער ליטעראַטור איז אָבער אָנגענומען צו געברויכן אַזוינע ווערטער. מאַטערן זיך מיט זיי, נעבעך, די ליטווישע שרײַבער, און ס׳האָט בײַ זיי פֿאָרט אַ פּנים פֿון חוזק. צוריק מיט אַ יאָר פֿינף האָט דוד פּינסקי אַרויסגעגעבן אַ ביכעלע מיטן נאָמען: „דאָס יידישע דראַמאַ. אַן איבערבליק איבער איר אַנטוויקלונג״. „דאָס״ ייִדישע דראַמע איז בײַ אים פֿאָרט געבליבן אַ „זי״. האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ טעות, אַ גראָבער טעות. ערשט איך זע: אַזוי שרײַבט ניט איין פּינסקי. בײַ בעל=מחשבותן געפֿינען מיר אַ פּראַזע: „זאָל דאָס יונגע ייִדנטום ניט שוינען אירע נערוועך״ — דערבײַ מיינט ער דעם ייִדנטומס נערוועך. רייזען שרײַבט, אַז דאָס ליד האָט געמאַכט דערשיטערן „מיט איר טרויעריק=קלינגענדיקן טאָן״ [. . .]

ניט בעסער איז דאָס מיט „מיר״ און „מיך״, וואָס ווערן פֿאַרביטן אויף טריט און שריט. מען שרײַבט: „איך בין דיך מקנא״, „טו וואָס דײַן האַרץ הייסט דיך״, [. . .] „האָט מיך שאַרף נאָכגעקוקט״; פֿאַרקערט: „ער גייט זי נאָך״, „ער וויל זי אײַנרעדן״, „ער האָט איר ליב״, און אַזוי ווײַטער אָן אַן עק.

(געקיצרט פֿון „די ייִדישע וועלט״, באַנד I, בוך 1, יאַנואַר 1915, ווילנע זז. 43-53)

# איציק קיפּניסעס „מעשהלעך“




דאָס דאָזיקע אויסערגעוויינלעך שיינע בוך פֿון איציק קיפּניס (1972–1896) איז אַרויס אין ירושלים, אין 1997 אין פֿאַרלאַג „קינד־און־קייט“. דער קינסטלערישער נוסח אַליין איז ווי ביַים זשורנאַל מיט אָט דעם נאָמען (קינסטלער — איטעלאַ מאַסטבאַום). און דער צונויפֿשטעלער איז באָרים סאַנדלער, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „קינד־און־קייט“. (אגב, זינט אָנהייב 1998 וווינט באָרים סאַנדלער אין ניו־יאָרק און אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון „פֿאָרווערטס“.)

דער אַריַינפֿיר־וואָרט האָט אָנגעשריבן ברכה קיפּניס, די טאָכטער פֿונעם שריַיבער, וועלכע וווינט אין קיִעוו. אין דעם אַריַינפֿיר־וואָרט ברענגט זי קיפּניסעס ווערטער: „איך האָב ליב מענטשן, מענטשיכעס און קינדער. איך האָב די אינעווייניקסטע וואַרעמקייַט, וואָס גיט זיך איבער פֿון מענטשן צו זאַכן, פֿון זאַכן צו מענטשן.“ דאָס בוך איז טאַקע דורכגעזאַפּט מיט אָט אַזאַ ליבע . . .

# תיקון־טעות

צום רעדאַקטאָר פון „די פען" גענאַדי עסטרײַך,

אין נומער 33 פון אײַער זשורנאַל, אינעם אַרטיקל פון לעאָניד רויטמאַן וועגן עתל קאָוועןסקאַ, ווערן דערמאָנט די צוויי ברידער־דיכטער לייב און ברוך אָליצקי.

ווייסט נישט דער רעדאַקטאָר פון נאָך אַ ברודער, אַ דיכטער, מיטן נאָמען מאַטעס אָליצקי? זײַנע לידער און פּראָזע געדרוקט אין „פען"?

ווי קומט עס? היתכן?

מ. אָליצקי

## ענטפער:

די פּראָזע האָט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל געקלונגען אַזוי:

„איר [עתל קאָוועןסקאַס] לערער פון ייִדישער שפּראַך און ייִדישער ליטעראַטור איז געווען ברוך אָליצקי — דער ברודער פון דעם באַוווּסטן ייִדישן דיכטער לייב אָליצקי, און אַליין אויך אַ דיכטער." („די פען", נ. 33, ז. 33)

פּרײַנט מ. אָליצקי איז אַוודאי גערעכט, אַז איך האָב געדאַרפט זיך אַרײַנמישן און פאַרריכטן די פּראָזע זי זאָל קלינגען, למשל, ווי:

„איר לערער פון ייִדישער שפּראַך און ייִדישער ליטעראַטור איז געווען ברוך אָליצקי — דער ברודער פון די באַוווּסטע ייִדישע דיכטער לייב און מאַטעס אָליצקי, און אַליין אויך אַ דיכטער."

אָדער אפשר אַרײַנשטעלן אַ פוסנאָטע . . . אַזוי צי אַזוי, בין איך געווען ניט גערעכט און האָף אַז דער דאָזיקער תיקון־טעות וועט אַ ביסל פאַרגלעטן מײַן שולד.

ג.ע.

Printed in the United Kingdom
by Hobbs the Printers Ltd, Totton, Hampshire SO40 3WX

The Yiddish Pen 34

Winter 1998

Editor:
Gennady Estraikh

Editorial Board:
Majer Bogdanski
Dafna Clifford
Mikhail Krutikov

Correspondence:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

rates:
For UK and Europe £20 a year,
USA and rest of the world $35

Telephone:
(+) 44 1865 798989

Fax:
(+) 44 1865 798987

Email:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

Published by the
Oxford Institute
for Yiddish Studies

Registered Charity No 1045738
IRS No 11—3273541

Founded by the
Tabatznik family in
memory of Yiddish
author and educator
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

Leon Borovick (New York), Rivka Basman Ben Chaim (Herzliah), Ziama Telesin (from his archives), Rokhl Boimwohl (Jerusalem):
**Poems** 2

Alexander Lisen (Lviv):
**The volcano (fantasy)** 10

Misha Lev (Rehovot):
**Moshe Teif and his *Kikhelekh un zemelekh*** 12

Chaim Beider (New York):
**An encounter in Brooklyn** 17

Sholem Berger (New York), Shoshana B. Wolkowicz (New York):
**Poems** 23

Leah Schlossman (Sarasota, Florida):
**Our reading circle** 25

Myra Woolfson (Nottingham):
**The Bund: my reasons and roots** 29

Aaron Eckstaedt (Dortmund):
**Yiddish music in Germany: a story about *klezmorim* in a country which lost its own folklore** 38

Brigitte Dalinger and Thomas Soxberger (Vienna):
**Galician fortunes: from the history of the Yiddish theatre in Vienna** 44

Moshe Olgin (1878-1939):
**Lexical and stylisic problems of literary Yiddish** 57

**Itsik Kipnis's *Children's Stories*** 63

Cover: Alun Ward, "Light"

# די פּען 34

זשורנאַל פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור און קולטור • ווינטער 1998